בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

אִידִישׁ

תשפ"ו

432

בְּרִיוְון פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
## וויליאמסבורג
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
## בארא פארק
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.662.4888**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
## בלומינגראוו
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
## מאנסי
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
## ירושלים
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
## בני ברק
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

נדפס ע״י

**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע״י

**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט״א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# אִישׁ אֱמוּנוֹת


פַארְוָואס שְׁרֵייט מַיין וַוייבּ?............................................ב

דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי חֵדֶר אוּן בֵּית פֵּיגָא..........................א

רֶעדְן נָאר פוּן גוּטֶע עֶרְלִיכֶע זַאכְן............................................ב

זוּכְט נִישְׁט קֵיין הֶתֵּרִים, עֶס קֶען קָאסְטְן אַ טַייעֶרֶע פְּרַייז.......................ב

וָואס אִיז מִיט דַן זַיין לְכַף זְכוּת ............................................ג

צָרוֹת וְיִסּוּרִים, אָן קֵיין קַשְׁיוֹת אוּן תַּרְעוּמוֹת.......................................ד

חַס וְשָׁלוֹם צוּ פְרֶעגְן פְרַאגֶעס פוּן עֶ' אַיי ...........................................ה

מִיר הָאבְּן גָארְנִישְׁט צוּ טוּן מִיט דִי עֶרֶב רַב...........................................ז

עֶס גֵייט שְׁטַייטְלִיךְ, עֶס נֶעמְט צַייט ............................................ט

קֶעמְפ פַאר עֶלְטֶערֶע מֵיידְלֶעךְ ..........................................'

נָאגְל דִיךְ אַרָאפּ, בִּיז דוּ עֶנְדִיגְסְט חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת........................יג

מִיר צֵיילְן יֶעדְן טָאג פַאר אַ טָאג ............................................טו

עֵצוֹת פַאר שְׁמִירַת עֵינַיִם............................................יז

חַלֶשְׁ'סְט צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד ............................................יח

אֵיין תֵּירוּץ אוֹיף אַלֶע צְוָואנְצִיג שְׁאֵלוֹת............................................כ

אֱמֶת אַז אִיךְ בִּין אַ שְׁלוּמִיאֵל? ............................................כא

טַעֲנָה'ן עֶנְדִיגְט זִיךְ מִיט מַחֲלֹקֶת אוּן מִיט וֵוייטָאג............................................כד

גֵיי צַאמְגֶענוּמֶען, מַאךְ דַיינֶע פֵּיאוֹת גֶעקְרַייזְלְט............................................כה

שַׁבָּת זָאלְסְטוּ פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דַיינֶע קִינְדֶער............................................כו

נִישְׁט אַרַיינְנֶעמֶען אִין מוֹיל אַ זַאךְ אָן אַ הֶכְשֵׁר ............................................כז

נָאר אֱמֶת קְלֶעבְּט זִיךְ אָן אִין תַּלְמִידִים וְתַלְמִידוֹת.........כח
בַּיי אַ אִיד אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט שְׁפֶּעט..........כט
גְלֵייבּ אַז דוּ קֶענְסְט פַארְעֶנְדְעכְטְן..........ל
נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, נִישְׁטָא קֵיין יֵאוּשׁ..........לא
דֶער יֵצֶר הָרָע לָאקֶערְט אוֹיף יוּנְגֶע פָּארְפֶעלְקֶער..........לג
נָאר מִיט לֶערְנֶען תּוֹרָה שְׁפִּירְט מֶען זִיךְ גוּט אוּן צוּפְרִידְן..........לד
פוּן קוּקְן אוֹיף צוּרִיק, קוּמְט נִישְׁט קֵיין גוּטְס..........לה
שְׁלָאגְן אִיז נִישְׁט חִינוּךְ..........לז
שְׁטַארְק מִיט דִי ווִילְן..........לח
זִיךְ גְרֵייטְן צוּ דִי חֲתוּנָה..........מ
נָאךְ אַ שַׁאנְס..........מב
זוּךְ אַ צַדִיק, דֶערְצֵייל אִים אוּיס דַיין הַארְץ, אוּן בֶּעט אַן עֵצָה..........מד

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַּאר דִי חֵדֶר אוּן בֵּית פֵיגָא**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ"ו נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרַט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר דַארְפְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הָאבְּן אַ חֵדֶר אוּן אַ בֵּית פֵיגָא וואוּ מֶען אִיז מְחַנֵךְ דִי קִינְדֶער מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, מֶען לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה. יֶעצְט וֶוערְט זִיבֶּעצְן יָאר פוּן דִי מוֹסְדוֹת; אִסְרוּ חַג פֶּסַח שְׁנַת תש"ע הָאבְּן מִיר גֶעעֶפְנְט אוּנְזֶער בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֵדֶר אִין אַמֶערִיקֶע, מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי חֵדֶר מִיט אַפָּאר קִינְדֶער, מִיט בְּעֶרֶךְ פִינְף מִשְׁפָּחוֹת הָאבְּן מִיר אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי חֵדֶר, אוּן הַיינְט אִיז דָאס שׁוֹין אַזוֹי גְרוֹיס צוּאוַואקְסְן.

דִי וָואךְ גֵייט צְוֵויי פַּרְשִׁיּוֹת, הֵייבְּ אָן שׁוֹין הַיינְט מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, וַוייל אַלֶע בְּרָכוֹת לִיגְט אִין דִי מִצְוָה פוּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, אוּן אוֹיךְ פַארְקֶערְט; אוֹיבּ מֶען לָאזְט אוֹיס אַ וָואךְ פוּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין - זֶעט מֶען גְלַייךְ אַ נִישְׁט גוּטֶע זַאךְ וָואס פַּאסִירְט.

קוּם אִין שׁוּל מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, אָנְגֶעטוּן מִיט הוּט אוּן רֶעקְל; שְׁטֶעל זִיךְ פָאר דוּ קֶענְסְט אַרַיינְגֵיין צוּ אַ קֶענִיג, אַ מֶלֶךְ בָּשָׂר וָדָם - וָואלְסְטוּ זִיכֶער זִיךְ אָנְגֶעטוּן דַיין רֶעקְל, דַיין הוּט - בְּדֶרֶךְ כָּבוֹד, אוּן דָא רֶעדְט מֶען פוּנֶעם מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים, דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער; זָאלְסְטוּ קוּמֶען אִין שׁוּל מִיט כָּבוֹד אוּן דֶרֶךְ אֶרֶץ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְֿן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## רֶעדְן נָאר פוּן גוּטֶע עֶרְלִיכֶע זַאכְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ״ו נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ...**

אִיךְ הֶער אַז אִיר הָאט צוּרִיק אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן מִיט פְרוֹיעֶן דִי אַלְטֶע שְׁטוּתִים וַהֲבָלִים, אִיר נֶעמְט דִי זַאךְ פוּן אֱמוּנַת חֲכָמִים אוּן אִיר מַאכְט דֶערְפוּן לִיצֵי לֵיצָנוּת, אוּן עֶס וֶוערְט פוּן דֶעם אַ חוּרְבָּן; אִיךְ וִויל אַייךְ בֶּעטְן מִיט שֵׁיינֶעם, לָאזְט אָפּ, הֶערְט אוֹיף מִיט דִי מְשׁוּגַעַתְ׳ן.

רֶעדְט צוּ דִי פְרוֹיעֶן אוּן צוּ דִי מֵיידְלֶעךְ פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, רֶעדְט צוּ זֵיי פוּן מְכַבֵּד זַיין אַ מַאמֶע, רֶעדְט צוּ זֵיי פוּן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה, פוּן הָאבְּן גוּטֶע חַבֶרְ׳טֶעס; דָאס זָאלְט אִיר רֶעדְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְֿן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זוּכְט נִישְׁט קֵיין הֶתֵּרִים, עֶס קֶען קָאסְטְן אַ טַייעֶרֶע פְּרַייז

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ״ו נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

הָאט נִישְׁט מוֹרָא צוּ גֶעבְּן שַׁאטְס פַאר אַייעֶר קִינְד, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט מֶען מוּז גֶעבְּן שַׁאטְס (עַיֵּין בְּסֵפֶר אַבְנֵיהָ בַּרְזֶל, סִימָן לד), דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שָׁם), וֶוער עֶס גֶעבְּט נִישְׁט שַׁאטְס פַאר דִי קִינְדֶער - אִיז אַ רוֹצֵחַ; לָאזְט אָפּ דִי חָכְמוֹת הַמְּדֻמּוֹת, לָאזְט אָפּ דִי נַארִישֶׁע שִׁיטוֹת וָואס הַאקְן פֶּעךְ אוּן שְׁוֶועבְל אוֹיף וַואקְסִינֶען, עֶס אִיז אַלֶעס שְׁטוּתִים וַהֲבָלִים; הֶערְט זִיךְ צוּ נָאר צוּם קוֹל פוּן צַדִיק - דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי.

בְּנוֹגֵעַ דִי קֶשֶׁר מִיט אַייעֶר טַאטֶע; אִיר דַארְפְט פַארְרֶעכְטְן, זֶעט צוּ רוּפְן יֶעדֶע וָואךְ אַייעֶר טַאטֶע אִים זָאגְן גוּט שַׁבָּת, אוּן זִיכֶער אַז אִיר זֶעט אַייעֶר טַאטֶע פָּנִים בְּפָנִים - אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג אַוֶועק צוּ שְׁפַּאצִירְן אָן רֶעדְן, דָאס אִיז נִישְׁט קֵיין דֶרֶךְ אֶרֶץ, מֶען דַארְף גְרִיסְן אַ טַאטֶע.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ׳; נֶעמְט נִישְׁט אַרַיין אִין שְׁטוּב קֵיין שׁוּם כֵּלִי וָואס מֶען קֶען זֶען אוֹיף דֶעם ווִידִיאוֹ, הַאלְטְס אַייעֶר שְׁטוּב רֵיין, זוּכְט נִישְׁט קֵיין הֶתֵּרִים, דָאס קֶען קָאסְטְן אַ טַייעֶרֶע פְּרַייז, אַסַאךְ שְׁטִיבֶער זֶענֶען חָרוּב גֶעוַוארְן צוּלִיב אַרַיינְנֶעמֶען דִי כֵּלִים.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ׳; דִי צְוֵוייטֶע תּוֹרָה פוּן דִי צְוֵוייטֶע חֵלֶק לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, דָאס אִיז מְסוּגָל לְהוֹלָדָה. מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט, בַּיי אִים, וֶוען עֶר אִיז אַרַיין אִין שְׁפִּיטָאל מִיט דִי רֶעבֶּעצִין הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן דִי תּוֹרָה, אוּן דִי תְּפִלָּה (לִקּוּטֵי תְּפִלּוֹת חֵלֶק ב, סִימָן ב), אוּן בַּיים עֶנְדֶע פוּן דִי תְּפִלָּה אִיז דֶער דָאקְטֶער שׁוֹין גֶעקוּמֶען זָאגְן מַזָּל טוֹב! מַזָּל טוֹב!

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס אִיז מִיט דַן זַיין לְכַף זְכוּת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ״ו נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרַט קָטָן

**מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִּחְיוּ**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן עֶנְקֶער בְּרִיוו מִיט אַלֶע טַעֲנוֹת.

בְּתוֹךְ הַדְּבָרִים שְׁרַייבְּן עֶנְק אַז עֶנְק טְרַאכְטְן אַז אוּנְזֶער מוֹסְדוֹת אִיז נִישְׁט הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ וְכוּ׳ וְכוּ׳.

אִיךְ מֵיין אַז עֶנְק דַארְפְן אוֹיךְ פַארְרֶעכְטְן וְכוּ׳; וָואס אִיז מִיט דַן זַיין לְכַף זְכוּת? וָואס וֵוייסְן עֶנְק וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אוּנְז, ווִי שְׁוֶוער מִיר אַרְבֶּעטְן אַז זַאכְן זָאלְן פַאלְן אִין פְּלַאץ? סְפֶּעצִיעֶל דֶער מְנַהֵל יִצְחָק נֵרוֹ יָאִיר וָואס אַרְבֶּעט מִיט זַיין גַאנְצֶע הַארְץ, זַיין גַאנְצֶע כֹּחַ; וָואס אִיז מִיט דַן זַיין לְכַף זְכוּת? אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַ טָאג וָואס מֶען הֵייבְּט נִישְׁט אוֹיף דִי טֶעלֶעפָאן

און מֶען רופְט נִישְׁט צוּרִיק, אֶפְשָׁר אִיז דָא ווִיכְטִיגֶערֶע זַאכְן? אֶפְשָׁר אִיז דָא אַ סִיבָּה וְכוּ'? הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אִיז נָאר גוּט וָוען מֶען טוּט אַלֶעס ווִי אַזוֹי דֶער מֶענְטְשׁ ווִיל?!

עֶס דֶערְמַאנְט מִיר דִי מַעֲשֶׂה וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט דֶערְצֵיילְט, אִין אוּמַאן אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד וָואס מֶען הָאט אִים גֶע'רוֹדְפְ'ט, אַמָאל הָאט עֶר אוֹיסְגֶעקְלַאפְּט אוֹיפְן בִּימָה: "מוֹרַי וְרַבּוֹתַי, דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז מִיר זָאלְן דַן זַיין לְכַף זְכוּת יֶעדְן אֵיינֶעם, אִיז וָואס אִיז פְּשַׁט אַז מֶען קוּקְט אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם גוּט, אוֹיסֶער וָוען עֶס קוּמְט צְווִישְׁן אוּנְז קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט לַיידְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, מֶען דַארְף יֶעדְן דַן זַיין לְכַף זְכוּת - אוֹיסֶער אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד?!"

דִי פְּרַאגֶע פְּרֶעג אִיךְ אַייךְ, עֶנְק שְׁרַייבְּן מִיט אַזוֹיפִיל וֵוייטָאג, כְּאִילוּ מֶען ווִיל עֶנְק דָא מַאכְן שְׁלֶעכְט, מֶען הָאט חֶשְׁבּוֹנוֹת מִיט עֶנְק; וָואס אִיז מִיט דַן זַיין לְכַף זְכוּת? אָדֶער אֶפְשָׁר גָאר קֶען אִיךְ עֶנְק אוֹיפְנֶעמֶען פַאר מְנַהֵל און מְנַהֶלֶת? אֶפְשָׁר ווִילְן עֶנְק אַוֶועק גֶעבְּן אֵיין נַאכְט פוּן עֶנְקֶער שְׁלָאף פַאר אוּנְזֶער מוֹסָד?

עֶנְק שְׁרַייבְּן אַז עֶנְק גֵייעֶן הַיינְט קַיין יַבְנְאֵל צוּ מוֹהֲרָא"שְׁ'ס צִיּוּן, בֶּעט אִיךְ עֶנְק, זַייט מִיךְ מַזְכִּיר, בֶּעטְס פַאר מִיר יוֹאֵל בֶּן רֵיזָא רֶעכִיל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## צָרוֹת וְיִסּוּרִים, אָן קֵיין קַשְׁיוֹת און תַּרְעוּמוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ"ז נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער און עֶר שְׁטַארְקְט זִיךְ און עֶר הָאט נִישְׁט קֵיין טַעֲנוֹת און תַּרְעוּמוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט בְּשֵׁם דֶעם הֵיילִיגְן חֲזוֹן אִישׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז מֶען זָאל זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן

וֶוען אַ אִיד וָואס הָאט אַ נִישְׁט גֶעזוּנְט קִינְד אִין שְׁטוּבּ - קוּמְט אַרַיין, וַוייל אַז עֶר גֵייט אַרִיבֶּער אַזַא מַעֲשֶׂה, דָאס אִיז מְזַכֵּךְ וּמְטַהֵר, קוּמְט אִים מֶען זָאל זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן פַאר אִים, אוּן אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר מוֹהַרְנַ"ת (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקנה): "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אַ גֶעפְּרֶעגְלְטְן אִיד", דָאס מֵיינְט מֶען אַ אִיד וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים צָרוֹת וְיִסּוּרִים אוּן עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ, עֶר הָאט נִישְׁט קֵיין קַשְׁיוֹת אוּן קֵיין טַרְעוּמוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מַעֲלָה וָואס קֶען נָאר זַיין.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, אַנְטְלוֹיף צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, פֶּרֶק ו): "אִם רָאִיתָ שֶׁהַיִּסּוּרִין מְמַשְׁמְשִׁין וּבָאוֹת עָלֶיךָ, רוּץ לְחַדְרֵי דִּבְרֵי תּוֹרָה וּמִיָּד הַיִּסּוּרִין בּוֹרְחִין מִמְּךָ", אוֹיבּ דוּ זֶעסְט אַז עֶס קוּמֶען אוֹיף דִיר צָרוֹת אוּן יְסוּרִים, אַנְטְלוֹיף צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וֶועסְטוּ וֶוערְן גֶערַאטֶעוֶועט; נֶעם אַ חוּמָשׁ, אַ מִשְׁנַיוֹת, אַ גְמָרָא, זָאג דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ שֵׁיינֶע זִיסֶע וֶועג וִוי אַזוֹי יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט זָאל מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה, (קוּק נָאךְ אִין סֵפֶר שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## חַס וְשָׁלוֹם צוּ פְרֶעגְן פְרַאגֶעס פוּן עֶי אַיי

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ"ח נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעדֶע שְׁאֵלָה וָואס דוּ הָאסְט - פְרֶעג דֶעם דַיָּין; חֲבֵרִים זֶענֶען נִישְׁט אוֹיף וֶועם מֶען קוּקְט וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן. אַז מֶען אִיז נִישְׁט זִיכֶער וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן - קוּקְט מֶען נִישְׁט אוֹיפְן חָבֵר וְכוּ', אוּן זִיכֶער נִישְׁט אִין עֶי אַיי; אַ פַּחַד אוּן אַ שְׁרֶעק אַז טַייעֶרֶע עֶרְלִיכֶע אִינְגֶעלַייט בַּאנִיצְן זִיךְ מִיט דֶעם. חַס וְשָׁלוֹם

צוּ פְרֶעגְן פְּרַאגֶעס פוּן עֶי אַיי, מֶען קֶען חַס וְשָׁלוֹם פַּארְלִירְן דִי אֱמוּנָה, מֶען קֶען פַּארְפַאלְן וֶוערְן רַחֲמָנָא לִצְּלָן.

רֶעד צוּ דַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זִיךְ הִיטְן פוּן דֶעם, זָאג פַּאר דַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן נִישְׁט נֶעמֶען קֵיין שׁוּם נָאמְבֶּער פוּן אַ חַבֵר, פוּן אַ צְוֵוייטְן; וַוייל מֶען קֶען פַּארְלִירְן דִי אֱמוּנָה, מֶען קֶען אַרַיינְפַאלְן אִין מִינוּת וּכְפִירָה הַשֵׁם יִשְׁמְרֵינוּ, אַ אִיד פְרֶעגְט אַלֶעס אַ רָב, אַ דַיָין, אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּ דַיינֶע קִינְדֶער פוּן קְדוּשָׁה וְטָהֳרָה, רֶעד צוּ זֵיי פוּן קְדוּשַׁת הַבְּרִית, אַז מֶען טָאר נִישְׁט אָנְרִירְן דֶעם אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּ זֵיי פוּן זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן אַנְדֶערֶע, אוֹיב אֵיינֶער ווִיל אָנְרִירְן אָדֶער עֶר הֵייסְט אִים אָנְרִירְן - זָאל עֶר אַוֶועק גֵיין אוּן אַוֶועק לוֹיפְן, אוּן אַז עֶר קֶען נִישְׁט אַנְטְלוֹיפְן זָאל עֶר שְׁרֵייעֶן: "רַאטֶעוֶועט!" אוּן מֶען זָאל דֶערְצֵיילְן פַאר דִי עֶלְטֶערְן אוּן פַאר דֶער מְלַמֵד אָדֶער טִיטְשֶׁער.

אִיךְ וֵוייס אַז עֶס אִיז נִישְׁט בַּאקְוֶועם צוּ רֶעדְן פוּן דֶעם, עֶס אִיז גְרִינְגֶער נִישְׁט צוּ רֶעדְן, אָבֶּער מֶען מוּז רֶעדְן, מֶען מוּז אָנְגְרֵייטְן דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטֶס, דִי דוֹר אִיז פוּל מִיט מֶפְקָרִים אוּן מֶען מוּז הִיטְן דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן וַואקְסְן עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג.

מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן וָואס מֶען רֶעדְט, נִישְׁט רֶעדְן אִיבְּרִיגֶע רֵייד, מֶען דַארְף רֶעדְן פְּשׁוּט'ע וֶוערְטֶער, אַז "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט אָנְרִירְן", "מֶען דַארְף זַיין הֵיילִיג", "מֶען דַארְף זַיין אָפְּגֶעהִיטְן", אוּן וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען שׁוֹין עֶלְטֶער, זֵיי הָאבְּן שׁוֹין דַעַת - קֶען מֶען צוּלֵייגְן אַז אַלֶע צָרוֹת וְיִסוּרִים לַיידְט מֶען אוֹיב מֶען הִיט זִיךְ נִישְׁט אָפּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מִיר הָאבְּן גָארְנִישְׁט צוּ טוּן מִיט דִי עֵרֶב רַב

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ״ח נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**יִשְׂרָאֵל שִׁמְעוֹן שְׁטֵיינְבֶּערְג נֵרוֹ יָאִיר, מַגִּיד שִׁיעוּר יְשִׁיבַת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ ווִילְיַאמְסְבּוּרְג**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַארְן נֶעמֶען דִי בָּחוּרִים צוּ דִי הָאלָאקָאסְט מוּזֶעאוּם אִין וַואשִׁינְגְטָאן; דִי בָּחוּרִים זֶענֶען צוּרִיק גֶעקוּמֶען צֶעשׁוֹידֶערְט, זֵיי קֶענֶען נִישְׁט קוּמֶען צוּ זִיךְ וָואס דִי פֶעלְקֶער הָאבְּן גֶעטוּן מִיט כְּלַל יִשְׂרָאֵל, סְפֶּעצִיעֶל דִי עֲמָלֵקִים, דִי נַאצִיס יִמַּח שְׁמָם וְזִכְרָם; זֵיי הָאבְּן גֶענוּמֶען אַן אוּמְשׁוּלְדִיג פָאלְק, מֶענֶער, פְרוֹיעֶן, קִינְדֶער, אוּן פַארְבְּרֶענְט, גֶע׳שָׁחְט׳ן, גֶע׳הַרְג׳עֶט מִיט אַלֶע מִיתוֹת אַכְזָרִיּוֹת. מוֹהֲרָא״שׁ הָאט גֶעהַאלְטְן אַז מֶען זָאל נֶעמֶען דִי קִינְדֶער צוּ דִי צְוֵוייטֶע וֶועלְט מִלְחָמָה מוּזֶעאוּם, מֶען זָאל וַוייזְן פַאר דִי קִינְדֶער וָואס אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען אַרִיבֶּער, אוּן ווִי אַלֶע פֶעלְקֶער זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אוּן גֶעשְׁווִיגְן, אַלֶע הָאבְּן גֶעווּאוּסְט וָואס גֵייט פָאר, אֲפִילוּ אַמֶערִיקֶע, אַלֶע הָאבְּן גֶעווּאוּסְט אַז מֶען נֶעמְט זֶעקְס מִילְיָאן אִידְן אוּן מֶען פַארְגַאזְט אוּן מֶען פַארְבְּרֶענְט זֵיי.

בִּיסְט גֶעפָארְן אַייעֶר נֶעכְטְן, מָאנְטָאג; מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן מִיר אוֹיבּ מִיר הַאלְטְן דִי ׳יוֹם הַשּׁוֹאָה׳, וַוייל מֶען אִיז גֶעפָארְן אִין דֶעם טָאג וְכוּ׳; אִיךְ ווִיל דוּ זָאלְסְט ווִיסְן קְלָאר אַז מִיר הָאבְּן גָארְנִישְׁט צוּ טוּן מִיט דִי עֵרֶב רַב, אוּן אוֹיךְ נִישְׁט מִיט דִי פְרוּמֶע וָואס שְׁטִיצְן דִי עֵרֶב רַב. אוּנְזֶער יוֹם הַשּׁוֹאָה - זָאגְט מוֹהֲרָא״שׁ - אִיז ט׳ בְּאָב, דֶעמָאלְט קְלָאגְן מִיר אוֹיף אַלֶע צָרוֹת אוּן אַלֶע גְזֵירוֹת, סַיי אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אוּן אוֹיךְ אוֹיף דִי הֲרִיגוֹת פוּן אַלֶע דוֹרוֹת, ווִי מֶען הָאט גֶענוּמֶען טַייעֶרֶע קְהִלּוֹת אוּן פַארְבְּרֶענְט, אוּן אוֹיךְ קְלָאגְן מִיר אוֹיף דִי חֻרְבָּן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וואוּ עֶס זֶענֶען גֶעקוּמֶען דִי עֵרֶב רַב אוּן אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ מְדִינָה קֶעגְן דִי תּוֹרָה.

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אִיז זֵייעֶר טָאג וָואס זֵיי פַארְרוּפְן ׳יוֹם הָעַצְמָאוּת׳, ווִיל אִיךְ דוּ זָאלְסְט רֶעדְן מִיט דִי בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה, זֵיי לֶערְנֶען אַז דָאס הָאט גָארְנִישְׁט מִיט אִידְן, דָאס אִיז נִישְׁט מִיט דִי תּוֹרָה, דָאס אִיז וָואס הַאלְט אוּנְז אִין גָלוּת, אוּן דָאס אִיז גוֹרֵם אַלֶע צָרוֹת. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר דִי

מְנַהֲלִים מָרְדְּכַי אִינְדִיג און יִצְחָק פָּאפְּנְהֵיים, אַז זֵיי זָאלְן רֶעדְן מִיט דִי מְלַמְּדִים, און אוֹיךְ פַאר דִי בֵּית פֵיגָא שׁוּלֶעס און דִי יְשִׁיבוֹת, אַז מֶען זָאל דָאס לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן וויסְן אַז דָאס אִיז קֶעגְן דִי תּוֹרָה, דָאס אִיז נִישְׁט דִי גְּאוּלָה.

בִּפְרַט יֶעצְט וֶוען עֶס טוט זִיךְ מִלְחָמוֹת, מֶען הֶערְט דִי נַייעֶס, זָאל מֶען גֶעדֶענְקֶען אַז דִי מִילִיטֶער אִיז קֶעגְן דִי תּוֹרָה, מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג מִתְפַּלֵּל זַיין אַז אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאלְן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן, און וויסְן אַז דִי מִילִיטֶער אִיז נִישְׁט אוּנְזֶערֶע, מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט פְרֵייעֶן מִיט זֵייעֶרֶע נִצְחוֹנוֹת, וַוייל אַלֶע זֵייעֶרֶע נִצְחוֹנוֹת זֶענֶען נָאר צָרוֹת פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען מִיט דִי בָּחוּרִים גוּטֶע מִידוֹת, וַוייל וויסְן זָאלְסְטוּ, דִי וֶועלְט אִיז נִישְׁט הֶפְקֵר, דִי וֶועלְט פִירְט זִיךְ מִיט אַ פִּינְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן, און אַז מֶען טוט וֵויי אַ צְוֵוייטְן, מֶען טְשֶׁעפֶּעט, מֶען פַארְשֶׁעמְט, אָדֶער מֶען מַאכְט יֶענֶעם שָׁאדְן - וֶועט מֶען פְרִיעֶר אָדֶער שְׁפֶּעטֶער אַלֵיינְס אַרִיבֶּערְגֵיין דָאס וָואס מֶען הָאט יֶענֶעם גֶעמַאכְט. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ב, ו), דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא הִלֵּל הָאט אַמָאל גֶעזֶען ווי אַ טוֹיטֶע קֶערְפֶּער שְׁווִימְט אִין וַואסֶער, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "דָאס אִיז דִיר גֶעקוּמֶען וַוייל דוּ הָאסְט דָאס גֶעטוּן פַאר אַ צְוֵוייטְן, יֶעצְט בַּאקוּמְסְטוּ דָאס צוּרִיק און בַּיים סוֹף וֶועט אוֹיךְ דֶער וָואס הָאט דָאס גֶעטוּן מִיט דִיר - דָאס אַרִיבֶּער גֵיין"; און זִיכֶער וֶוען מֶען טוט גוּטְס מִיט אַ צְוֵוייטְן, און מֶען גֶעבְּט נָאךְ, מֶען אִיז מוֹחֵל אַ צְוֵוייטְן - מַאכְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט דֶעם מֶענְטְשׁ גוּטְס, אֲפִילוּ עֶר אִיז נִישְׁט וֶוערְד, און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִים מוֹחֵל אוֹיף זַיינֶע עֲבֵירוֹת.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר יֶעצְט וֶוען מִיר צֵיילְן דִי טֶעג פוּן סְפִירָה, זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּ דִי תַּלְמִידִים זֵיי זָאלְן זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט וֵויי צוּ טוּן אַ צְוֵוייטְן, און אוֹיבּ דוּ הָאסְט זִיךְ יָא פַארְלוֹירְן, הָאסְט אֵיינֶעם פַארְשֶׁעמְט, הָאסְט אֵיינֶעם וֵויי גֶעטוּן - זָאלְסְטוּ וָואס פְרִיעֶר יֶענֶעם אִיבֶּערְבֶּעטְן, וַוארְט נִישְׁט עֶס זָאל אוֹיף דִיר אִיבֶּערְגֵיין שְׁלֶעכְטְס; און זִיכֶער אוֹיבּ דוּ הָאסְט צוּטוּן מִיט אַ מַחֲלֹקֶת, דוּ הָאסְט אָנְגֶעדְרֵייט אַ מַחֲלֹקֶת אִין דַיין מִשְׁפָּחָה אָדֶער אִין

בֵּית הַמִּדְרָשׁ – זָאלְסְטוּ דָאס אָפְּשְׁטֶעלְן און יֶעדְן אִיבֶּערְבֶּעטְן, וַוייל: "וָואס מֶען טוּט פַאר אַ צְוֵוייטְן טוּט מֶען פַאר זִיךְ אַלֵיינְס", פְּרִיעֶר אָדֶער שְׁפֶּעטֶער וֶועט צוּרִיק קוּמֶען בִּיטֶערֶע קְלֶעפּ פַאר דִי וָואס מַאכְן מַחֲלֹקֶת, וֶוער רֶעדְט נָאךְ אוֹיבּ מֶען אִיז זִיךְ מִתְחַצֵּף פַאר אַ תַּלְמִיד חָכָם, מֶען פַארְשֶׁעמְט אַ רָב, אַ דַיָּין, אָדֶער אַז מֶען רֶעדְט און מֶען פַארְשֶׁעמְט דִי צַדִּיקִים וָואס פַארְשְׁפְּרֵייטְן אֱמוּנָה בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, לֹא יֹאבֶה הַשֵּׁם סְלֹחַ לוֹ, אוֹיבּ טוּט מֶען נִישְׁט תְּשׁוּבָה עֶנְדִיגְט זִיךְ עֶס גָאר בִּיטֶער.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר און אִיךְ בֶּעט אַלֶע מַגִּידֵי שִׁיעוּרִים, מְלַמְּדִים, טִיטְשֶׁערְס, מְנַהֲלִים, מְנַהֲלוֹת וְכוּ': מֶען זָאל אַסַאךְ רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן גוּטֶע מִידוֹת און פוּן זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט וֵוי צוּ טוּן אַ אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## עֶס גֵייט שְׁטַייטְלִיךְ, עֶס נֶעמְט צַייט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד' לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ"ח נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ, אִיךְ בֶּענְק זִיךְ נָאךְ דִיר, אִיךְ הָאף אַז דוּ שְׁטַארְקְסְט זִיךְ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, און אֲפִילוּ דֶער יֵצֶר הָרָע קוּמְט צוּ דִיר און זָאגְט דִיר אַז דוּ בִּיסְט סַיי וִוי גָארְנִישְׁט וֶוערְד – זָאלְסְטוּ אִים פַארְטְרַייבְּן מִיט גֶעוַואלְד, זָאלְסְט אִים נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן, זָאלְסְט גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיךְ יָא לִיבּ.

מִיר צֵיילְן דִי טֶעג פוּן סְפִירָה טָאג נָאךְ טָאג, וָואךְ נָאךְ וָואךְ – בִּיז מִיר קוּמֶען אָן צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה; דָאס לֶערְנְט אוּנְז אַז צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַ צַדִּיק – גֵייט נִישְׁט אִין אֵיין מִינוּט, עֶס גֵייט שְׁטַייטְלִיךְ, עֶס נֶעמְט צַייט, און אַזוֹי וִוי מֶען צֵיילְט דִי טֶעג פוּן סְפִירָה נָאךְ אַ טָאג און נָאךְ אַ טָאג בִּיז עֶס וֶוערְט אַ וָואךְ, און מֶען צֵיילְט נָאךְ אַ וָואךְ און נָאךְ אַ וָואךְ, מֶען בּוֹיט אוֹיף דִי מוֹחִין, און אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּצוּקוּמֶען צוּ דִי הוֹיכֶע מַדְרֵיגָה פוּן שַׁעַר

נ׳, דָאס זֶעלְבֶּע אִיז אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, מֶען דַארְף הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת בִּיז מֶען קוּמְט אַרַיין אִין דִי קְדוּשָּׁה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (עָלִים לִתְרוּפָה, מִכְתָּב לב), עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית יח, א): "וְהוּא ישֵׁב פֶּתַח הָאֹהֶל כְּחֹם הַיּוֹם", אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז גֶעזִיצְן בַּיים טִיר וֶוען דִי זוּן הָאט גֶעבְּרֶענְט, "יוֹשֵׁב" אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן וַוארְטְן אוּן זִיךְ אוֹיפְהַאלְטְן אַ לַאנְגֶע צַייט; דִי תּוֹרָה זָאגְט אוּנְז אַז מֶען קֶען נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ אַרַיינְגֵיין אִין דִי קְדוּשָּׁה נָאר אַז מֶען הָאט אַסַאךְ סַבְלָנוּת, מֶען לוֹיפְט נִישְׁט אַוֶועק, מֶען וַוארְט בַּיים טִיר פוּן דִי קְדוּשָּׁה, אוּן אֲפִילוּ עֶס גֵייט אַרִיבֶּער דִי גַאנְצֶע צַייט וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער, עֶס בְּרֶענְט דִי תַּאֲווֹת, מֶען שְׁפִּירְט וִוי מֶען וֶוערְט פַארְבְּרֶענְט - מִיט דֶעם אַלֶעם לָאזְט מֶען נִישְׁט אָפּ, מֶען גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף, מֶען וַוארְט אוּן מֶען וַוארְט אַ לַאנְגֶע צַייט, נָאר אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ 'וַיֵּרָא אֵלָיו ה׳'.

אַזוֹי אוּן נָאר אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּצוּקוּמֶען צוּ שַׁעַר נ׳, צוּם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת; דוּרְךְ שְׁרֵייעֶן יֶעדְן טָאג: "וְאֶטָּהֵר וְאֶתְקַדֵּשׁ בִּקְדוּשָּׁה שֶׁל מַעֲלָה, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער רֵיינִיג מִיךְ, אִיךְ וִויל זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ וִויל זַיין הֵיילִיג"; אוּן מֶען אִיז נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה צוּ אַרַיינְקוּמֶען אִין דִי קְדוּשָּׁה אִין דֶעם טָאג, מֶען גֵייט מָארְגְן נָאכְאַמָאל שְׁרֵייעֶן: "וּלְתַקֵּן אֶת נַפְשׁוֹתֵינוּ וְרוּחוֹתֵינוּ וְנִשְׁמוֹתֵינוּ, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין עֶרְלִיךְ, וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין אַרַיינְקוּמֶען אִין דִי קְדוּשָּׁה?" אוּן אִיבֶּער מָארְגְן נָאכְאַמָאל; אַזוֹי בּוֹיט מֶען אוֹיף דִי מוֹחִין, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ "וְהִקְרַבְתֶּם מִנְחָה חֲדָשָׁה לַה׳".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## קֶעמְפ פַאר עֶלְטֶערֶע מֵיידְלֶעךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ"ח נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תְּחִיֶ׳, מְנַהֶלֶת בֵּית פֵיגָא קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

בְּנוֹגֵעַ מַאכְן קֶעמְפ פַאר דִי עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער; אִיךְ הָאבּ נִישְׁט חֵשֶׁק צוּ

מַאכְן קֶעמְפּ, אִיךְ זֶע נִישְׁט דִי תּוֹעֶלֶת דֶערְפוּן; מֵילָא דִי קִינְדֶער פוּן שְׁטָאט - זֵיי דַארְף מֶען אַוֶועק נֶעמֶען פוּן שְׁטָאט, דִי שְׁטָאט אִיז אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ, אָבֶער דִי מֵיידְלֶעךְ וָואס וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל - וָואס פֶעלְט אוֹיס זֵיי אַוֶועק צוּ נֶעמֶען פוּן שְׁטוּבּ? פַארְוָואס זָאלְן זֵיי נִישְׁט לֶעבְן רִיכְטִיג, אֱמֶת'דִיג? אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (אֵיכָה ג, כז): "טוֹב לַגֶּבֶר כִּי יִשָּׂא עֹל בִּנְעוּרָיו", קִינְדֶער וָואס הֶעלְפְן דִי עֶלְטֶערְן אִין שְׁטוּבּ - דָאס אִיז גוּט פַאר זֵיי, דָאס הֶעלְפְט זֵיי שְׁפֶּעטֶער צוּ קֶענֶען נֶעמֶען דִי עוֹל פוּן פִירְן אַ מִשְׁפָּחָה; דִי קִינְדֶער וָואס מֶען לֵייגְט נִישְׁט קֵיין עוֹל אוֹיף זֵיי אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן - דָאס אִיז נִישְׁט גוּט, דָאס קְלַאפְּט אוֹיס שְׁפֶּעטֶער, מֶען וִויל אַנְטְלוֹיפְן פוּן דִי עוֹל פוּן זַיין אַ מַאמֶע אוּן אוֹיפְבְּרֶענְגֶען קִינְדֶער.

דוּרְכְן טָאג קֶען מֶען מַאכְן אַ פְּרָאגְרַאם; מֶען דַאוֶוענְט, מֶען לֶערְנְט אַבִּיסְל, מֶען שְׁווִימְט, מֶען טַאנְצְט, אוּן דִי עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער וָואס קֶענֶען שוֹין הֶעלְפְן - זֵיי זָאלְן טַאנְצְן מִיט דִי יוּנְגֶערֶע קִינְדֶער, אוּן פַארְנַאכְטְס וֶוען דִי עֶלְטֶערְן דַארְפְן הִילְף - זָאלְן אַלֶע קִינְדֶער אַהֵיים גֵיין הֶעלְפְן, דָאס דַארְף מֶען לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער אוּן זֵיי זָאגְן אַז הֶעלְפְן דִי מַאמֶע אוּן נֶעמֶען אוֹיף זִיךְ אַן עוֹל - אִיז נָאר אַ טוֹבָה פַאר זִיךְ אַלֵיינְס.

אִיךְ הָאבּ אָבֶער אַ פְּרָאבְּלֶעם, עֶס זֶענֶען דָא מֵיידְלֶעךְ וָואס וִוילְן יָא גֵיין אִין קֶעמְפּ, אוּן זֵיי זָאגְן אַז 'אוֹיבּ אִיז נִישְׁטָא אִין בְּרֶסְלֶב קֶעמְפּ - וִוילְן מִיר גֵיין אִין אַנְדֶערֶע קֶעמְפְּס'; בַּיי דֶעם דַארְף אִיךְ אַייעֶר הִילְף, אִיר זָאלְט דָאס דוּרְכְשְׁמוּעֶסְן מִיט דִי מֵיידְלֶעךְ, זֵיי פַארְשְׁטֵיין גֶעבְן אַז מֶען פַארְדִינְט גָארְנִישְׁט פוּן קֶעמְפּ, אוּן אַז מֶען בְּלַייבְּט מִיט אַחְרָיוּת, מֶען בְּלַייבְּט אִין שְׁטוּבּ הֶעלְפְן דִי מַאמֶע, אוּן זִיכֶער אַז מֶען הֶעלְפְט דִי מוֹסְדוֹת מִיט וָואס מֶען קֶען - דָאס אִיז גוּט פַאר דִי עָתִיד פוּן דִי לֶעבְן.

עֶס אִיז גוּט מֶען זָאל לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער - יֶעצְט אִין דִי זוּמֶער וָואכְן - "פִּרְקֵי אָבוֹת"; דִי טִיטְשֶׁערְס זָאלְן אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער מִידוֹת טוֹבוֹת, מֶען זָאל רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, אוּן אַז מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת אוּן שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת, וַוייל דֶער עִיקָר אִיז - הָאבְּן גוּטֶע

מִידוֹת; מֶען קֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין, סֵיי בְּגַשְׁמִיּוּת און סֵיי בְּרוּחָנִיּוּת - מִיט גוּטֶע מִידוֹת, און אוֹיבּ מֶען הָאט שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת - אִיז אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ, דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז אַזוֹי בִּיטֶער, מֶען אִיז פַארְשְׁוַוארְצְט פוּן אָנְהֵייבּ בִּיזְן סוֹף.

אַז מֶען טְרַאכְט אַרַיין זֶעט מֶען אַז זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן גוּטֶע מִידוֹת אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ; מֶען קֶען לֶערְנֶען, מֶען קֶען זַיין אַ גְרוֹיסֶער לַמְדָן, און אֲפִילוּ אַ מְקוּבָּל - און מֶען הָאט נִישְׁט קֵיין מִידוֹת, מֶען שְׁטֶעכְט מֶענְטְשְׁן, מֶען טוּט וֵויי מֶענְטְשְׁן, מֶען וֶוערְט בְּכַעַס, און אַז אֵיינֶער רִירְט אָן דִי כָּבוֹד קוּמְט מֶען אָן בִּיז רְצִיחָה מַמָּשׁ הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; אִיז וָואס אִיז שׁוֹין וֶוערְד דֶער מֶענְטְשׁ מִיט דִי לַמְדָנוּת וְכוּ׳? אַז מֶען הָאט נִישְׁט קֵיין מִידוֹת הָאט מֶען גָארְנִישְׁט.

דֶערִיבֶּער יֶעצְט וֶוען מִיר צֵיילְן דִי טֶעג פוּן סְפִירָה, מִיר גְרֵייטְן זִיךְ צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה - אִיז דֶער מִנְהָג צוּ לֶערְנֶען פִּרְקֵי אָבוֹת וָואס רֶעדְט פוּן תִּיקּוּן הַמִּידוֹת, וְוִי אַזוֹי צוּ פַארֶערְכְטְן דִי מִידוֹת, וַוייל דָאס אִיז דֶער יְסוֹד פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי נְדָרִים ט, ד; שַׁבָּת לא.): ״זֶה כְּלַל גָּדוֹל בַּתּוֹרָה״, אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אַנְדֶערֶע, נִישְׁט וֵויי צוּ טוּן אַנְדֶערֶע, און אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת, בְּעִיקָר דִי גֶעפֶערְלִיכֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה פוּן כַּעַס, וָואס דָאס מַאכְט חָרוּב דֶעם מֶענְטְשׁ, אַ כַּעֲסָן פַארְלִירְט אַלֶעס; און נָאר מִיט תְּפִלָּה, דוּרְךְ אַסַאךְ וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּצוּקוּמֶען צוּ אֲרִיכוּת אַפַּיִם.

דָאס דַארְף מֶען אוֹיסְלֶערְנֶען קִינְדֶער פוּן קְלֵיינְוַוייז אָן, מֶען זָאל נָאכְגֶעבְּן אַ צְוֵוייטְן, מֶען זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, סֵיי דִי עֶלְטֶערְן און סֵיי דִי מְחַנְּכִים דַארְפְן זִיךְ פַארְלֵייגְן דָאס אוֹיסְצוּלֶערְנֶען, וַוייל דָאס אִיז פוּן דִי שְׁוֶוערְסְטֶע עֲבוֹדוֹת; צוּ קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת און וֶוערְן אַ גוּטֶער מֶענְטְשׁ, און דָאס אִיז גְרִינְגֶער אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן. אַזוֹי זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר׳ אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (צֶעטְל קָטָן, סִימָן טז), אַז אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן אִיז דִי בֶּעסְטֶע צַייט זִיךְ צוּ אוֹיסְאֵיידְלֶען און אוֹיסְרֵיינִיגְן דִי מִידוֹת.

אִיךְ בֶּעט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַייךְ אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט

בֵּית פֵיגָא, און מִיר זָאלְן הָאבְּן דִי בֶּעסְטֶע טִיטְשֶׁערְס וָואס אִיז שַׁיָיךְ פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער און פַאר אַלֶע תַּלְמִידוֹת, קֵיין אֵיין תַּלְמִידָה זָאל נִישְׁט אַוֶועק פַאלְן חַס וְשָׁלוֹם, אַלֶע זָאלְן אוּיפְשְׁטֶעלְן עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע שְׁטִיבֶּער גֶעבּוֹיט אוֹיף דִי תּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נָאגְל דִיךְ אַרָאפּ, בִּיז דוּ עֶנְדִיגְסְט ח"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ"ח נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט צוּ רֶעדְן מִיט דִיר נֶעכְטְן; אִיךְ ווִיל דִיר זֵייעֶר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין לֶערְנֶען ח"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת, נָאגְל דִיךְ אַרָאפּ, זִיץ אוֹיף אַ פְּלַאץ אָן זִיךְ אוּיפְשְׁטֶעלְן - בִּיז דוּ עֶנְדִיגְסְט ח"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת. מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט, וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ בָּחוּר און עֶר הָאט גֶעפוּנֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, עֶס אִיז אִים אַנְטְפְּלֶעקְט גֶעוָוארְן דֶער סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַן אָפְּמַאךְ אַז עֶר נֶעמְט נִישְׁט אַרוֹיס זַיינֶע פִיס פוּן דִי טֵיילְס (קַאכְלֶען), בִּיז עֶר עֶנְדִיגְט נִישְׁט אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת; אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן.

מִיר גְרֵייטְן זִיךְ צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה, מִיר צֵיילְן דִי טֶעג פוּן סְפִירָה צוּ קוּמֶען צוּם בַּארְג סִינַי; ווִי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה? דוּרְךְ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דוּרְךְ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיט דִי תַּרְגוּם פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע פַּרְשָׁה אַיינְגֶעטֵיילְט לוֹיט דִי טֶעג פוּן דִי וָואךְ; זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי און אַזוֹי וַוייטֶער, אַזוֹי ווִי עֶס וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפה, סְעִיף ג): "מִיּוֹם רִאשׁוֹן וְאֵילָךְ חָשׁוּב עִם הַצִּבּוּר", פוּן זוּנְטָאג קֶען מֶען שׁוֹין אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין; און אַ שָׁאד אַז מֶען אִיז מְזַלְזֵל אִין דִי מִצְוָה, מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ אַזוֹיפִיל גוּטְס דוּרְךְ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדֶע וָואךְ, מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זֵייעֶר שְׁטַארְקֶע הַצְלָחָה, און אוֹיךְ צוּ

קְדוּשָׁה וְטָהֳרָה - דוּרְךְ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיט דִי תַּרְגוּם פוּן דִי פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ.

עַל כֵּן לִיבֶּער בְּרוּדֶער, יֶעצְט וָוען מִיר צֵיילְן דִי טֶעג פוּן סְפִירָה זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת יֶעדְן טָאג צוּ לֶערְנֶען חוּמָשׁ מִיט תַּרְגוּם, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנָיוֹת, לֶערְן יֶעדְן טָאג מִשְׁנָיוֹת; מַה טוֹב וּמַה נָּעִים אַז דוּ קֶענְסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, דָאס וֶועט דִיךְ מְטַהֵר זַיין אוּן מְזַכֵּךְ זַיין, ווַייל נָאר לֶערְנֶען תּוֹרָה רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן בְּרֶענְגְט אִים צוּ קֶענֶען לֶעבְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין לֶערְנֶען גְּמָרָא. לֶערְן שַׁ"ס כְּסִדְרָן, אִין אָנְהֵייבּ לֶערְן עֶס בְּגִירְסָא, זָאג דִי וֶוערְטֶער. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר, וּמִמֵּילָא יָבִין", וָוען מֶען לֶערְנְט דַארְף מֶען נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, שְׁפֶּעטֶער וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין, "וְלֹא יְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ בִּתְחִלַּת לִמּוּדוֹ שֶׁיִּרְצֶה לְהָבִין תֵּכֶף, וּמֵחֲמַת זֶה יִקְשֶׁה לוֹ הַרְבֵּה תֵּכֶף וְלֹא יָבִין כְּלָל, רַק יַכְנִיס מֹחוֹ בְּהַלִּמּוּד, וְיֹאמַר כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערן צֶעבְּרָאכְן וָוען מֶען זֶעט אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דָאס לֶערְנֶען, ווַייל דָאס אַלֵיין אַז מֶען ווִיל גְּלַייךְ פַארְשְׁטֵיין - מַאכְט שְׁוֶוערֶער דָאס לֶערְנֶען, נָאר מֶען זָאל בְּלוֹיז זָאגְן דִי וֶוערְטֶער כְּסִדְרָן אוּן מֶען וֶועט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס פַארְשְׁטֵיין, "וְאִם לֹא יָבִין תֵּכֶף", אוּן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל, "יָבִין אַחַר כָּךְ", וֶועט מֶען עֶס פַארְשְׁטֵיין בַּיים צְוֵוייטְן מָאל, "וְאִם יִשָּׁאֲרוּ אֵיזֶה דְּבָרִים, שֶׁאַף עַל פִּי כֵן לֹא יוּכַל לַעֲמֹד עַל כַּוָּנָתוֹ", אוּן אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דֶעם צְוֵוייטְן מָאל, "מַה בְּכָךְ" - אִיז וָואס? אִיז אוֹיךְ גָארְנִישְׁט, "כִּי מַעֲלַת רִבּוּי הַלִּמּוּד עוֹלָה עַל הַכֹּל", ווַייל דָאס לֶערְנֶען אַלֵיינְס אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶעם, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת סג.; עֲבוֹדָה זָרָה יט.): "לִגְמוֹר וַהֲדַר לִסְבֹּר, וְאַף עַל גַּב דְּלָא יָדַע מַה קָאָמַר", אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוֹדֶם אַסַאךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט, אוּן דֶערְנָאךְ זָאל עֶר לֶערְנֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין, "כִּי עַל יְדֵי רִבּוּי הַלִּמּוּד, שֶׁיִּלְמַד בִּמְהִירוּת וְיִזְכֶּה לִלְמֹד

הַרְבֵּה, עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לַעֲבֹר כַּמָּה פְּעָמִים אֵלּוּ הַסְּפָרִים שֶׁלּוֹמֵד, לְגָמְרָם, וְלַחֲזֹר לְהַתְחִיל וּלְגָמְרָם פַּעַם אַחַר פַּעַם, וְעַל יְדֵי זֶה מִמֵּילָא יָבִין, וְכוּ'", ווייל אַז מֶען גְעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל לֶערְנְט מֶען דָאךְ זֵייעֶר אַסַאךְ, דוּרְכְדֶעם אִיז מֶען אִיז זוֹכֶה אִיבֶּערְצוּגֵיין יֶעדֶע זַאךְ זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען לֶערְנְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מִיר צֵיילְן יֶעדְן טָאג פַאר אַ טָאג

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ"ח נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ נָאךְ דִיר, אִיךְ הָאף אַז דוּ שְׁטַארְקְסְט זִיךְ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אוּן אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט אִין דִי פַּייעֶר דֶעפַּארְטְמֶענְט - זָאלְסְטוּ נִישְׁט וֶוערְן בַּאפְרַיינְדֶעט מִיט דִי גוֹיִם; נָאר זָאלְסְט דָאס טוּן לְשֵׁם שָׁמַיִם, צוּ קֶענֶען רַאטֶעוֶוען מֶענְטְשְׁן וֶוען עֶס בְּרֶענְט אַ פַּייעֶר, אוּן קֶענֶען אַיינְשְׁפָּארְן שָׁאדְנְס פַאר מֶענְטְשְׁן, אָבֶּער חַס וְשָׁלוֹם צוּ וֶוערְן בַּאפְרַיינְדֶעט מִיט דִי גוֹיִם.

מַאךְ זִיךְ אַ חַבְרוּתָא; לֶערְן גְמָרָא, לֶערְן הֲלָכָה; אוּן אַז דוּ בִּיסְט אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען שְׁפֶּעט - זָאלְסְטוּ נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן אוֹיפְן טָאג, זָאלְסְט נִישְׁט אַוֶועק שְׁנַיידְן דִי טֶעג פוּן דַיין לֶעבְּן; טֶעג זֶענֶען נִישְׁט אַזוֹי וִוי פֵּירוֹת וָואס מֶען קֶען זָאגְן אַז דִי פֵּרִי אִיז יָא גוּט אוּן דִי פֵּרִי אִיז נִישְׁט גוּט, דִי פֵּרִי אִיז רֵייף אוּן דִי נִישְׁט; מִיר צֵיילְן דִי טֶעג פוּן סְפִירָה צוּ קוּמֶען צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה, צוּם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, מִיר צֵיילְן יֶעדְן טָאג פַאר אַ טָאג; נִישְׁטָא אַ טָאג וָואס מֶען זָאל זָאגְן אַז דִי טָאג אִיז נִישְׁט קֵיין גוּטֶע טָאג וָואס מֶען קֶען רֶעכֶענֶען פַאר דִי חֲמִשִּׁים יוֹם, דִי טָאג אִיז אַ דוּרְכְפַאל, נָאר יֶעדְן טָאג וֶוערְן גֶעצֵיילְט פַאר אַ טָאג; דָאס לֶערְנְט אוּנְז אַז מִיר זָאלְן יֶעדְן טָאג דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, יֶעדְן טָאג טוּן חֶסֶד.

טַייעֶרֶער לִיבֶּער בְּרוּדֶער, יֶעדְן טָאג אִיז אַ טָאג פַאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אוּן

אַז מֶען קֶען נִישְׁט טוּן אֵיין עֲבוֹדָה - מֵיינְט נִישְׁט אַז דִי טָאג אִיז דֶערְנָאךְ, מֶען דַארְף יֶעדְן טָאג זוּכְן וָואס מֶען קֶען אַרוֹיסְכַאפְּן גוּטְס, אוּן אַז מֶען אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען שְׁפֶּעט - נָאכְן הָאבְּן אַ חֶשְׁבּוֹן פוּן אוֹיפְשְׁטֵיין פַּארְטָאגְס אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דַארְף מֶען וִויסְן אַז דִי טָאג אִיז נָאכְאַלְץ אַ טָאג, מֶען צֵיילְט דִי טָאג פַּאר סְפִירָה, אוּן מֶען קֶען אָנְהֵייבְּן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד פוּן יֶעצְט. אַז דוּ בִּיסְט פַארְשְׁלָאפְן, בִּיסְט אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען שְׁפֶּעט - זָאלְסְטוּ לוֹיפְן אִין מִקְוֶה אוּן אָנְטוּן טַלִית וּתְפִילִין אוּן גֵיין דַאוֶוענֶען, אוּן אַז דוּ הָאסְט שׁוֹין נִישְׁט קֵיין מִנְיָן - זָאלְסְטוּ נָאכְאַלְץ גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען; דַאוֶוען נִישְׁט אִין שְׁטוּבּ אוּן נִישְׁט אִין אָפִּיס, דַאוֶוען דַוְקָא אִין שׁוּל, אוּן וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט דַאוֶוענֶען זָאלְסְטוּ זִיךְ אוּנְטֶערְטַאנְצְן אַ טֶענְצְל אַז בָּרוּךְ הַשֵׁם דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען אָנְצוּטוּן דִי הֵיילִיגֶע טַלִית וּתְפִילִין, דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קוּמֶען אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען; דָאס אִיז דָאךְ דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה, דָאס וֶועט בְּלַייבְּן פוּן אוּנְז.

אוֹיךְ אִין שְׁטוּבּ, אַז זַאכְן גֵייעֶן נִישְׁט וִוי גֶעפְּלַאנְט, עֶס זֶעט אוֹיס וִוי דֶער הַיינְטִיגֶער טָאג אִיז נִישְׁט קֵיין טָאג - זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען אַז מֶען צֵיילְט דִי טָאג אוֹיךְ פַאר סְפִירָה, אִיז דָאס יָא אַ טָאג. דִי סִטְרָא אַחֲרָא וִויל פַארְנַארְן דֶעם מֶענְטְשׁ אַז דִי טָאג אִיז נִישְׁט קֵיין טָאג, דִי טָאג אִיז פַארְוָואלְקֶנְט, דִי טָאג אִיז רֶעגְנְדִיג, דִי טָאג הָאסְטוּ זִיךְ אוֹיפְגֶערֶעגְט, אוּן דִי טָאג הָאסְטוּ פּוֹגֵם גֶעוֶוען וְכוּ׳ רַחֲמָנָא לִצְלָן; דָאס אִיז דִי וֶועג פוּן דִי סִטְרָא אַחֲרָא, אָבֶּער בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז יֶעדְן טָאג אַ טָאג, זָאלְסְטוּ זוּכְן וָואס דוּ קֶענְסְט טוּן עֶפֶּעס גוּטְס אֲפִילוּ עֶס זֶעט אוֹיס נִישְׁט מְסוּדָר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## עֵצוֹת פַּאר שְׁמִירַת עֵינַיִם

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ"ח נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו וואו דוּ בֶּעטְסְט עֵצוֹת פַּאר שְׁמִירַת עֵינַיִם.

יֶעצְט זֶענֶען מִיר אַרַיין אִינֶעם זוּמֶער, דִי גַאסְן זֶענֶען אַזוֹי גֶעפֶּערְלִיךְ, אוּן אֲפִילוּ דֶער עֶרְלִיכֶער אִיד, דֶער אָפְּגֶעהִיטֶענֶער בָּחוּר וָואס הָאט נִישְׁט קֵיין טֶעלֶעפָאן אוּן כֵּלִים, עֶר אִיז אָפְּגֶעהִיטְן אִין שְׁטוּבּ - קֶען יֶעצְט מַמָּשׁ פַארְבְּרֶענְט וֶוערְן אִין גַאס; דִי גוֹיִם, אוּן אִין אֶרֶץ הַקּוֹדֶשׁ דִי אִידְן וָואס דִי עֵרֶב רַב הָאבְּן זֵיי אוֹיסְגֶעשְׁמַד'ט אוּן אַוֶועק גֶענוּמֶען פוּן דִי תּוֹרָה - גֵייעֶן מִיט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע פְּרִיצוּת, מֶען קֶען יֶעדֶע רֶגַע פַארְבְּרֶענְט וֶוערְן, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

עַל כֵּן לִיבֶּער ..., יֶעצְט וֶועט מִיר פִירְן זִיךְ אִין דִי טֶעג פוּן סְפִירָה מִיט הֲלָכוֹת פוּן אֲבֵלוּת, מֶען טְרוֹיעֶרְט אוֹיף דִי פִיר אוּן צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט תַּלְמִידֵי רֶבִּי עֲקִיבָא וָואס זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן אִין דִי טֶעג, דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל זָאגְט (סֵפֶר הַגִּלְגּוּלִים, פֶּרֶק ט), וֶוער זֶענֶען גֶעוֶוען דִי פִיר אוּן צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט תַּלְמִידִים פוּן רֶבִּי עֲקִיבָא וָואס זֶענֶען אַוֶועק? דִי זֶענֶען גֶעוֶוען גִּלְגּוּלִים פוּן דִי פִיר אוּן צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן בַּיי בַּעַל פְּעוֹר, וֶוען זִמְרִי בֶּן סָלוּא אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ מִיט עַזּוּת אוּן חוּצְפָּה וְכוּ', זֵיי זֶענֶען מְגוּלְגָּל גֶעוָוארְן אִין דִי תַּלְמִידִים פוּן רֶבִּי עֲקִיבָא צוּ מְתַקֵּן זַיין דִי פְּגָם; עַל כֵּן אִין דִי טֶעג פוּן סְפִירָה קֶען מֶען פַארְרֶעכְטְן דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, וַוייל קֶרִ"י בַּאטְרֶעפְט אַזוֹי וִוי עֹמֶ"ר (פְּרִי עֵץ חַיִּים שַׁעַר סְפִירַת הָעֹמֶר פֶּרֶק ז, בְּהַגָּ"ה).

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ פַאר תִּיקּוּן הַבְּרִית אִיז שְׁמִירַת עֵינַיִם, נִישְׁט גֵיין אִין גַאסְן וואוּ עֶס זֶענֶען דָא פְּרִיצוּת, גֵיין אֲפִילוּ אַ לֶענְגֶערֶע וֶועג וָואס אִיז מֶער רֵיין וִוי גֵיין אַ טְרִיט אַרַיין אִין אַ גַאס וָואס אִיז דָא דָארְט פְּרִיצוּת, וַוייל אַז מֶען הִיט דִי אוֹיגְן אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ רֵיינֶע מוֹחִין, מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ שִׂמְחָה, דָאס לֶעבְּן אִיז זִיס, דִי לֶעבְּן אִיז גוּט, מֶען אִיז נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הָאט אַ זִיסְקֵייט בַּיים דַאוֶוענֶען אוּן בַּיים לֶערְנֶען, וַוייל אַלֶעס אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין שְׁמִירַת הַבְּרִית, אוּן אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם מֶען אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית, מֶען הִיט נִישְׁט דִי

אוֹיגְן, מֶען קוּקְט עֲבֵירוֹת - וֶוערְט אַזוֹי בִּיטֶער אוּן שְׁלֶעכְט, מֶען פַארְלִירְט דִי טַעַם פוּן לֶעבְּן.

נֶעם דִי עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, זוּךְ אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ אוּן דָארְט זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דַיין הַארְץ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט קֶענֶען הִיטְן דַיינֶע אוֹיגְן, וֵויין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעט אִים דִי וֶוערְטֶער: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער עֶס אִיז מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן, אִיךְ קֶען נִישְׁט גֵיין אִין גַאס, אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ וִוי אִין אַ מִלְחָמָה, יֶעדֶעס מָאל ווִיל אִיךְ קוּקְן, אוּן וֶוען אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ פוּן דִיר אוּן אִיךְ גֶעדֶענְק אַז עֶס אִיז נִישְׁט גוּט צוּ קוּקְן אִיז אָבֶער דִי קוּמֶענְדִיגֶע מָאל אַ פְרִישֶׁע מִלְחָמָה, עֶס רַייסְט מִיר צוּ קוּקְן, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיךְ, רַאטֶעוֶוע מִיךְ, אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ ווִיל הָאבְּן הֵיילִיגֶע אוֹיגְן"; אַזוֹי זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן טָאג נָאךְ טָאג, לֵייג אַרַיין דַיינֶע אֵייגֶענֶע תְּפִלּוֹת וּבַקָּשׁוֹת, שְׁרֵיי צוּ אִים, וֵויין צוּ אִים, בֶּעט אִים עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## חַלֶשְׁ'סְט צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ"ח נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין מֶעסֶעדְזְשׁ וואו דוּ שְׁרַייבְּסְט ווִי דוּ חַלֶשְׁ'סְט צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן ווִי דוּ בֶּענְקְסְט זִיךְ צוּ דִי צַייטְן וָואס דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען אִין יְשִׁיבָה, ווִי דוּ פְּלֶעגְסְט לֶערְנֶען פְּלַייסִיג, אוּן יֶעצְט קוּמְסְטוּ אָן קוֹים קוֹים צוּ לֶערְנֶען אַבִּיסְל גְמָרָא מִיט מִשְׁנָיוֹת.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, פַארְלֵייג זִיךְ צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דִי צְוֵויי לִימוּדִים: 'אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת', מִיט דִי 'יוֹם תְּהִלִּים', זַיי נִישְׁט מְוַתֵּר אוֹיף דֶעם, הֵייבּ אָן דַיין טָאג מִיט דֶעם; בִּפְרַט יֶעצְט אִין דִי צַייט וָואס מִיר צֵיילְן דִי טֶעג פוּן

סְפִירָה אִיז גוּט צוּ זָאגְן אַסַאךְ תְּהִלִּים, מוֹהַרַנ"ת פְלֶעגְט זָאגְן יֶעדְן טָאג פוּן יָאר דֶעם יוֹם תְּהִלִּים, אוּן אִין דִי סְפִירָה טֶעג הָאט עֶר גֶעזָאגְט יֶעדְן טָאג צְוֵויי מָאל דֶעם יוֹם תְּהִלִּים. וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עג), וֶוער עֶס ווִיל זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה - זָאל זָאגְן תְּהִלִּים, וַוייל עֶס זֶענֶען פַארְהַאן נַיין אוּן פֶערְצִיג טוֹיעֶרְן וָואס דֶער מֶענְטְשׁ קֶען אַלֵיין אַרַיינְגֵיין אִין זֵיי, אָבֶּער דִי שַׁעַר נ' - דָאס קֶען מֶען נָאר זוֹכֶה זַיין דוּרְךְ זָאגְן תְּהִלִּים, אוּן דִי מ"ט שְׁעָרִים זֶענֶען דִי נַיין אוּן פֶערְצִיג טֶעג צְווִישְׁן פֶּסַח אוּן שָׁבוּעוֹת, דִי טֶעג וָואס מֶען צֵיילְט סְפִירָה, דֶערְפַאר אִיז דִי טֶעג זֵייעֶר מְסוּגָל צוּ זָאגְן תְּהִלִּים.

דוּרְךְ זָאגְן תְּהִלִּים בַּאקוּמְט מֶען אַ גֶעפִיל, מֶען הֵייבְּט אָן בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הֵייבְּט אָן וֶועלְן זַיין גוּט. בֶּאֱמֶת ווִיל דָאךְ יֶעדֶער אִיד זַיין עֶרְלִיךְ אוּן טוּן דִי ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר נִישְׁט יֶעדֶער לֶעבְּט מִיט דֶעם, מֶען פַארְגֶעסְט, מֶען ווֶערְט אָפְּגֶעקִילְט, אוּן אֲפִילוּ דֶער וָואס הָאט שׁוֹין יָא שְׁטֶענְדִיג גֶעפִילְן פוּן תְּשׁוּבָה, קֶען זַיין אַז עֶר ווֵייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, עֶר בְּלַייבְּט מִיט דִי ווִילְן, אוּן אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס ווֵייסְט יָא וָואס צוּ טוּן - דַארְף נָאךְ אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען אוֹיסְפִירְן אוֹיף לְמַעֲשֶׂה אוּן נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן ווֶען מֶען זֶעט זִיךְ ווִי מֶען קוּמְט נִישְׁט אָן צוּ טוּן, אָבֶּער דוּרְךְ זָאגְן תְּהִלִּים אִיז מֶען זוֹכֶה - "לְהַגִּיעַ אֶל הַשַּׁעַר וְאוֹת הַשַּׁיָּךְ לוֹ, וְלִפְתֹּחַ הַשַּׁעַר, נִמְצָא שֶׁזּוֹכֶה עַל יְדֵי תְּהִלִּים לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", מֶען קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן מִיט אַ שְׁטַארְקְקֵייט, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

... טַייעֶרֶער, גֵיי נִישְׁט אִין קִיאַסְק, פַארְבְּרֶענְג נִישְׁט דַיינֶע יָארְן מִיט נַארִישְׁקֵייטְן. אַז דוּ הָאסְט אִיבְּרִיגֶע צַייט גֵיי אִין שׁוּל אוּן זָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן זָאג תְּהִלִּים, וֶועסְטוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אֵיין תֵּירוּץ אוֹיף אַלֶע צְוָואנְצִיג שְׁאֵלוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ"ח נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז דָא אֵיין תֵּירוּץ אוֹיף אַלֶע צְוָואנְצִיג שְׁאֵלוֹת, עֶס פֶעלְט אַייךְ שִׂמְחָה; וָואלְט אִיר גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ - וָואלְט אַלֶעס גוּט גֶעוֶוען.

אִינְטֶערֶעסַאנְט, וְויפִיל אִיךְ שְׁרַייבּ אַייךְ פוּן דֶעם - וִוילְט אִיר עֶס נִישְׁט דֶערְהֶערְן אוּן אִיר שְׁרַייבְּט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אִיבֶּער דִי זֶעלְבֶּע זַאכְן וָואס קְרֶענְקְט אַייךְ, אוּן יֶעדֶע מָאל פוּן פְרִישׁ מִיט דִי זֶעלְבֶּע זַאכְן; אַ שָׁאד אַז אִיר דֶערְהֶערְט נִישְׁט דֶעם קוֹל פוּן צַדִּיק וָואס זָאגְט אוּנְז (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן כד): "מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד", דֶער צַדִּיק בֶּעט אוּנְז (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה חֵלֶק ב, סִימָן א'): "מִי שֶׁהוּא שָׂמֵחַ תָּמִיד עַל יְדֵי זֶה הוּא מַצְלִיחַ", וֶוער עֶס אִיז פְרֵיילִיךְ אִיז שְׁטֶענְדִיג מַצְלִיחַ, אוּן אוֹיךְ יֶעצְט וֶוען מִיר פִירְן זִיךְ אִין דִי טֶעג פוּן סְפִירָה מִיט דִי הֲלָכוֹת פוּן אֲבֵלוּת, מֶען טְרוֹיעֶרְט אוֹיף דִי פִיר אוּן צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט תַּלְמִידֵי רֶבִּי עֲקִיבָא וָואס זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן אִין דִי טֶעג, אָבֶּער דָאס מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז דִי טֶעג זֶענֶען טְרוֹיעֶרִיגֶע טֶעג, דָאס מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז מֶען זָאל זַיין אִין מָרָה שְׁחוֹרָה, מֶען טָאר נִישְׁט זַיין בְּעַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אִיז עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, דָאס אִיז דִי נֶעץ מִיט וָואס דִי קְלִיפּוֹת פַאנְגֶען אִידִישֶׁע נְשָׁמוֹת, דוּרְךְ אַוֶועקְנֶעמֶען דִי הָאפֶענוּנְג, דוּרְךְ וַוייזְן אַ שְׁוַוארְצֶע בִּילְד ווִי אַלֶעס אִיז שׁוֹין סַיי ווִי פַארְפַאלְן, מֶען שְׁפִּירְט ווִי מֶען אִיז דֶער עֶרְגְסְטֶער מֶענְטְשׁ; עֶרְשְׁט קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט לַיידְן, אוּן דָאס אִיז גּוֹרֵם אַז מֶען קֶען נִישְׁט לַיידְן דֶעם מַאן, מֶען קֶען נִישְׁט לַיידְן דִי קִינְדֶער, מֶען קֶען קֵיינֶעם נִישְׁט לַיידְן.

אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען קוּמְט פוּן נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן דֶערְפַאר הָאט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַזוֹיפִיל אָנְגֶעזָאגְט מֶען זָאל זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וַוייל וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ - פַארְבְּרֶענְט מֶען דִי קְלִיפּוֹת, מִיט שִׂמְחָה גֵייט מֶען אַרוֹיס פוּן דִי טוּמְאָה, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה נה, יב): "כִּי בְּשִׂמְחָה", מִיט שִׂמְחָה - "תֵּצֵאוּ", גֵייט מֶען אַרוֹיס פוּן דִי אֵייגֶענֶע גָּלוּת,

פוּן דִי עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה וָואס טוּט אָפְּשְׁוַואכְן דִי אֱמוּנָה (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן י׳).

אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ מֶעסְטְן וואו עֶר שְׁטֵייט, אוֹיבּ עֶר אִיז בַּיי דִי קְדוּשָּׁה אָדֶער בַּיי דִי טוּמְאָה, דוּרְךְ קוּקְן אוֹיבּ מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ; בַּיי דִי קְדוּשָּׁה שְׁטֵייט (דִּבְרֵי הַיָּמִים א טז, כז): "עֹז וְחֶדְוָה בִּמְקֹמוֹ", בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז נִישְׁטָא קֵיין שׁוּם עַצְבוּת, אוּן אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ אוּן מֶען מַאכְט זִיךְ פְרֵיילִיךְ - אִיז מֶען בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן פַארְקֶערְט, וֶוען מֶען אִיז פַארְבִּיטֶערְט, מֶען אִיז אִין דִי טוּנְקְלְקֵייט, אִין דִי מָרָה שְׁחוֹרָה - אִיז שְׁכִינְתָּא בְּגָלוּתָא, אוּן דָאס טוּט גֶעבְן כֹּחַ פַאר דִי סִטְרָא אַחֲרָא.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ, לָאזְט אָפּ דִי עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, אֲפִילוּ עֶס זֶעט אוֹיס ווִי עֶס אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ, מֶען אִיז צֶעבְּרָאכְן אוֹיף נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן - אִיז דָאס אָבֶּער נִישְׁט פוּן דִי קְדוּשָּׁה, וַוייל אַז מֶען הָאט גֶעטוּן נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן טוּט מֶען תְּשׁוּבָה, מֶען זָאגְט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ בֶּעט דִיךְ אִיבֶּער אוֹיף וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן", אָבֶּער נִישְׁט עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אֱמֶת אַז אִיךְ בִּין אַ שְׁלוּמִיאֵל?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ"ח נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

נֶעכְטְן וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל בַּיים בְּרִית הָאסְטוּ מִיר גֶעזָאגְט אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן אַז מֶען הָאט דִיךְ אָפְּגֶעזָאגְט פוּן דַיין אַרְבֶּעט, אוּן דוּ פְרֶעגְסְט מִיר: "אֱמֶת אִיךְ בִּין אַ גוֹלֶם? אֱמֶת אִיךְ בִּין אַ שְׁלוּמִיאֵל? אֱמֶת אִיךְ בִּין אַ שׁוֹטֶה?"

אִיךְ וִויל דִיר זָאגְן, דוּ בִּיסְט אַ גֶעלוּנְגֶענֶער מֶענְטְשׁ, דוּ בִּיסְט אַ גוּטֶער מֶענְטְשׁ, דוּ בִּיסְט פוּל מִיט חֵן; דָאס אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קֵיין פַּרְנָסָה - דָאס

מֵיינְט נִישְׁט אַז דוּ בִּיסְט אַ שׁוֹטֶה, "לֹא לַחֲכָמִים לֶחֶם" (קֹהֶלֶת ט, יא), דָאס הָאט נִישְׁט צוּטוּן מִיט שֵׂכֶל אָדֶער גֶעלוּנְגֶענְקֵייט; פַארְוָואס זָאלְסְטוּ זִיךְ צֶעבְּרֶעכְן? פַארְוָואס זָאלְסְטוּ זִיךְ קְלַאפְּן?

גֶעבּ אַ קוּק, נֶעם חִיזּוּק פוּן דִי טֶעג אִין וָואס מִיר גֶעפִינֶען זִיךְ יֶעצְט, מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט אִין דִי טֶעג פוּן סְפִירָה, אַז מִיר טְרַאכְטְן אַרַיין דִי פַּאסִירוּנְג וָואס הָאט פַּאסִירְט בַּיים הֵיילִיגְן תַּנָא רֶבִּי עֲקִיבָא, ווִי זַיין גַאנְצֶע יְשִׁיבָה, זַיין גַאנְצֶע הָארֶעוַואנְיֶע אִיז בָּטֵל גֶעוָוארְן, אַלֶע תַּלְמִידִים זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן, פִיר אוּן צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט תַּלְמִידִים זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן; אַז מֶען טְרַאכְט אַרַיין וָואס מֵיינְט זַיין אַ רֶבִּי פַאר תַּלְמִידִים, וִויפִיל צַייט, וִויפִיל כֹּחַ מֶען דַארְף אַרַיינְלֵייגְן אִין יֶעדְן תַּלְמִיד, אוּן אַז עֶס הָאט פַּאסִירְט אַזַא אוּמְגְלִיק, בַּיים סוֹף בְּלַייבְּט גָארְנִישְׁט אִיבֶּער - וָואלְט רֶבִּי עֲקִיבָא גֶעדַארְפְט וֶוערְן אוֹיסֶער זִיךְ אוּן אוֹיפְגֶעבְּן, 'וָואס הֵייסְט? מַיין גַאנְצֶע הָארֶעוַואנְיֶע אִיז פַארְפַאלְן?' אָבֶער דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי עֲקִיבָא הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּנְדָאסְנֵיי, עֶר הָאט גֶענוּמֶען פְּרִישֶׁע תַּלְמִידִים, זִיבְּן תַּלְמִידִים: רֶבִּי מֵאִיר, רֶבִּי יְהוּדָה, רֶבִּי יוֹסֵי, רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי, רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר בֶּן שַׁמּוּעַ, רֶבִּי יוֹחָנָן הַסַּנְדְּלָר אוּן רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר בֶּן יַעֲקֹב; דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי עֲקִיבָא הָאט נִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן, נָאר אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּנְדָאסְנֵיי לֶערְנֶען מִיט תַּלְמִידִים, אוּן צְוִוישְׁן דִי תַּלְמִידִים אִיז גֶעוֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי וָואס אִין זַיין זְכוּת לֶעבְּן מִיר.

דָאס לֶערְנְט אוּנְז אַז מִיר זָאלְן אוֹיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, מִיר זָאלְן שְׁטֶענְדִיג אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנֵיי, אוּן אֲפִילוּ מֶען זֶעט ווִי אַלֶעס צֶעפַאלְט פַאר דִי אוֹיגְן, מֶען זֶעט זִיךְ חָרוּב וְנֶחְרַב, מֶען זֶעט ווִי אַלֶע הָארֶעוַואנְיֶע וָואס מֶען הָאט גֶעהָארֶעוֶועט אוּן זִיךְ גֶעפְּלָאגְט בִּיז אַהֶער, אַלֶעס אִיז צֶעפַאלְן; דַארְף מֶען נָאכְמַאכְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי עֲקִיבָא וָואס הָאט זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ גֶעוֶוען; אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנֵיי, אוּן אַז מֶען זֶעט זִיךְ בְּרוּחָנִיּוּת אַ דוּרְכְפַאל, מֶען הָאט אַלֶעס פַארְלוֹירְן, מֶען אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין אַ שְׁוֶוערֶע נִסָיוֹן, מֶען אִיז נִכְשָׁל גֶעוָוארְן אִין טוּן עֲבֵירוֹת, מֶען שְׁפִּירְט ווִי מֶען הָאט אַלֶעס פַארְלוֹירְן - דַארְף מֶען אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנֵיי דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, מֶען אִיז

זִיךְ מִתְוַדֶּה, מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער זַיי מִיר מוֹחֵל", אוּן מֶען הֵייבְּט אָן פוּן נֵיי דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ אַזוֹי וַוייט, מֶען שְׁפִּירְט אוּן מֶען וַוייסְט אַז מֶען הָאט פַארְלוֹירְן דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט - דַארְף מֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּנְדָאסְנֵיי, אֲפִילוּ מֶען וֶועט נִישְׁט הָאבְּן עוֹלָם הַבָּא, אוּן אַז מֶען שְׁטַארְקְט זִיךְ, מֶען דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען לֶערְנְט, מֶען דַאוֶוענְט אוּן מֶען טוּט חֶסֶד - פַאלְן אַוֶועק דִי אַלֶע דִמְיוֹנוֹת אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּצוּקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

אוֹיךְ בְּגַשְׁמִיוּת, אַז מֶען הָאט פַארְלוֹירְן אַלֶעס, מֶען זֶעט זִיךְ אַלֵיין, מִיט פַּרְנָסָה, מִיט דִי וַוייבּ אוּן מִיט דִי קִינְדֶער, דַארְף מֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען הִתְחַזְּקוּת פוּן הֵיילִיגְן תַּנָּא רֶבִּי עֲקִיבָא, וִוי עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן נֵיי, נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף וָואס מֶען הָאט פַארְלוֹירְן. דָאס זָאג אִיךְ דִיר לִיבֶּער בְּרוּדֶער, אַז דוּ הָאסְט פַארְלוֹירְן דַיין פַּרְנָסָה - אִיז נִישְׁט עֶק וֶועלְט, נֶעם אַ נֵייעֶ פַּרְנָסָה, אוּן נֶעם אַרַיין אִין דִיר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיךְ לִיבּ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַ פְּלַאן, אַלֶעס אִיז מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן, נִישְׁט וַוייל דוּ בִּיסְט אַ גוֹלָם, אַ קְלָאץ - הָאסְטוּ פַארְלוֹירְן דַיין פַּרְנָסָה, נָאר אַלֶעס אִיז פוּן אוֹיבְן. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (יוֹמָא לח.): "בְּשִׁמְךָ יִקְרָאוּךָ וּבִמְקוֹמְךָ יוֹשִׁיבוּךָ, אֵין אָדָם נוֹגֵעַ בְּמַה שֶּׁמּוּכָן לַחֲבֵירוֹ", קֵיינֶער קֶען נִישְׁט צוּנֶעמֶען אַ פְּרוּטָה וָואס אִיז אָנְגֶעגְרֵייט פַאר דִיר, "וְאֵין מַלְכוּת נוֹגַעַת בְּמַלְכוּת חֲבֶרְתָּהּ אֲפִילוּ כִּמְלֹא נִימָא", אוּן קֵיינֶער קֶען נִישְׁט צוּנֶעמֶען פוּן אַ צְוֵוייטְן נָאר אַז מֶען רוּפְט אוֹיס אִין הִימְל. נָאךְ זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בְּרָכוֹת נח.): "אֲפִילוּ רֵישׁ גַּרְגִּיתָא", אֲפִילוּ דֶער וָואס אִיז מְמוּנֶה צוּ אַרְבֶּעטְן בַּיי דִי סוּעֶר, אַ נִישְׁט גֶעשְׁמַאקֶע אַרְבֶּעט - "מִן שְׁמַיָּא מָנוּ לֵיהּ", אִיז אוֹיךְ פוּן הִימְל, נָאךְ זָאגְן זֵיי (חוּלִין ז:): "אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ מִלְּמַטָּה, אֶלָּא אִם כֵּן מַכְרִיזִין עָלָיו מִלְמַעְלָה", אַ מֶענְטְשׁ צֶעקְלַאפְּט זִיךְ נִישְׁט דֶעם קְלֵיינֶעם פִינְגֶער אָן דֶעם וָואס מֶען זָאל אָנְשְׁרַייבְּן אוֹיבְן אִין הִימְל אַז עֶס זָאל פַּאסִירְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## טַעֲנָה'ן עֶנְדִיגְט זִיךְ מִיט מַחֲלֹקֶת אוּן מִיט וֵוייטָאג

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ"ט נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

רֶבִּי נָתָן אִיז אַמָאל גֶעגַאנְגֶען צוּם רֶבִּינְ'ס צִיּוּן אִין בַּאגְלֵייטוּנְג פוּן רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אוֹיפְן וֶועג צוּם צִיּוּן הָאט זִיךְ צֶערִיסְן דִי רֶעקֶל פוּן רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער, הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "גֵיי פַארְרֶעכְט דִיר דַיין רֶעקֶל, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קכז): "מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי בְּגָדִים אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט זַיין צֶערִיסְן", אָבֶּער רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט זֶען וִוי רֶבִּי נָתָן גֵייט צוּם צִיּוּן, אִיז עֶר וַוייטֶער מִיט גֶעגַאנְגֶען מִיט רֶבִּי נָתָן, דֶעמָאלְט הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער: "פַארְוָואס קוּמְסְטוּ צוּ אַ רֶבִּי, אַז דוּ פָּאלְגְסְט נִישְׁט דֶעם רֶבִּי'ן?!"

דָאס זֶעלְבֶּע פְרֶעג אִיךְ דִיר, אַז דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אַזוֹיפִיל מָאל גֶעזָאגְט מִיר זָאלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אוּנְזֶער שָׁלוֹם בַּיִת, אִיז וָואס גֵייט פָּאר מִיט דִיר? וָואס אִיז דִי מַעֲשֶׂה? פַארְוָואס טַעֲנָה'סְטוּ מִיט דַיין וַוייבּ? פַארְוָואס רֶעדְסְטוּ מִיט אִיר נִישְׁט שֵׁיין?! מוֹהֲרַ"ש הָאט אוּנְז אַזוֹיפִיל מָאל גֶעזָאגְט, נִישְׁט טַעֲנָה'ן מִיט דִי וַוייבּ, טַעֲנָה'ן עֶנְדִיגְט זִיךְ מִיט מַחֲלֹקֶת אוּן מִיט וֵוייטָאג; מוֹהֲרַ"ש בֶּעט זִיךְ, פַאר אַ וַוייבּ דַארְף מֶען גֶעבְּן גֶערֶעכְט אוּן גֶעבְּן אַסַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער.

אַז זִי רֶעדְט נִישְׁט שֵׁיין צוּ דִיר, זִי שְׁרֵייט, זִי שְׁלָאגְט - זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְבָמוֹת סג), רֶבִּי חִיָּיא'ס וַוייבּ פְלֶעגְט אִים זֵייעֶר אַסַאךְ מְצַעֵר זַיין, מִיט דֶעם אַלֶעם וֶוען עֶר פְלֶעגְט זֶען אַ גוּטֶע זַאךְ וָואס זַיין וַוייבּ הָאט לִיבּ, פְלֶעגְט עֶר אִיר דָאס אַהֵיים בְּרֶענְגֶען, עֶר הָאט אִיר שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ גֶעמַאכְט, פַארְצֵיילְט דִי גְמָרָא, אַז רַב הָאט גֶעפְרֶעגְט פוּן רֶבִּי חִיָּיא: "זִי אִיז דָאךְ דִיךְ מְצַעֵר, פַארְוָואס בְּרֶענְגְסְטוּ אִיר דִי גוּטֶע זַאכְן?" הָאט אִים רֶבִּי חִיָּיא גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דַּיֵּינוּ שֶׁמְּגַדְּלוֹת בָּנֵינוּ", מִיר אִיז גֶענוּג אַז זִי זִיצְט אוֹיף דִי קִינְדֶער, "וּמַצִּילוֹת אוֹתָנוּ מִן הַחֵטְא", אוּן זִי רַאטֶעוֶועט מִיךְ פוּן עֲבֵירוֹת.

אַשְׁרֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן אַ רֶבִּי וָואס דֶערְמַאנְט אוּנְז אוּן לֶערְנְט אוּנְז וָואס אִיז רִיכְטִיג אוּן אוֹיךְ וָואס מִיר זָאלְן לֵייגְן אַ דָגֵשׁ אִין לֶעבְּן, נִישְׁט פַּארְלִירְן דִי שָׁלוֹם בַּיִת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גֵיי צַאמְגֶענוּמֶען, מַאךְ דַיינֶע פֵּיאוֹת גֶעקְרַייזְלְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ״ט נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן פוּן דִיר אַז דוּ שְׁטַארְקְסְט זִיךְ בַּעֲבוֹדַת הַשֵׁם, סֵיי מִיט לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן אוֹיפְן רֶבִּינְ׳ס סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עו), סֵיי מִיט הִתְבּוֹדְדוּת, אוּן סֵיי מִיט חֲפָצָה; אִיךְ בִּין זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן דִיר, אוּן אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ וֶועסְט שְׁנֶעל טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ.

גֵיי צַאמְגֶענוּמֶען, מַאךְ דַיינֶע פֵּיאוֹת גֶעקְרַייזְלְט, אוֹיךְ אִינְמִיטְן טָאג וֶוען עֶס וֶוערְט צֶעפְלוֹיגְן זָאלְסְטוּ דָאס נָאכְאַמָאל צַאמְנֶעמֶען מִיט וַואסֶער. מוֹהֲרַא״שׁ דֶערְצֵיילְט אַז דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט יֶעדֶע מָאל אֵיידֶערְן אַרוֹיסְגֵיין אִין גַאס זִיךְ צַאמְנֶעמֶען דִי פֵּיאוֹת מִיט וַואסֶער, אוּן עֶס לִיגְט אִין דִי גֶעקְרַייזְלְטֶע פֵּיאוֹת גְרוֹיסֶע הֵיילִיגְקֵייטְן.

לֶערְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת; זָאג דִי וֶוערְטֶער, אֲפִילוּ נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אִיז מְקַדֵשׁ וּמְטַהֵר דֶעם מֶענְטְשׁ. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זָאגְן דֶעם יוֹם תְּהִלִים יֶעדְן טָאג, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ גֵיין חֲפָצָה, (וֶוען דוּ גֵייסְט חֲפָצָה זָאלְסְטוּ גֵיין צַאמְגֶענוּמֶען אוּן רֵיין).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## שַׁבָּת זָאלְסְטוּ פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דַיינֶע קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר טָהֳרָה, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיָּר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

שַׁבָּת אִיז אַ צַייט פוּן חִינוּךְ הַיְלָדִים, שַׁבָּת זָאלְסְטוּ פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דַיינֶע קִינְדֶער; שְׁמוּעֶס מִיט זֵיי פוּן אֱמוּנָה, שְׁמוּעֶס מִיט זֵיי פוּן צַדִּיקִים, בַּאזוּנְדֶער אוֹיפְן וֶועג צוּם שׁוּל אוּן אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים; דֶעמָאלְט אִיז אַ גוּטֶע צַייט צוּ רֶעדְן מִיט דִי קִינְדֶער, אוּן אוֹיךְ בַּיי דִי סְעוּדָה זָאלְסְטוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן זֵיי פְרֵיילִיךְ מַאכְן.

שַׁבָּת אִין שׁוּל זָאלְסְטוּ נִישְׁט זִיצְן מִיט חֲבֵרִים וָואס שְׁמוּעֶסְן, דַיינֶע קִינְדֶער זֶעעֶן דָאס אוּן זֵיי בַּאקוּמֶען אַ נִישְׁט גוּטֶע חִינוּךְ, שְׁפֶּעטֶער וֶוען זֵיי וֶועלְן גְרוֹיס וֶוערְן וֶועלְן זֵיי בִּכְלַל נִישְׁט קוּמֶען אִין שׁוּל, זֵיי וֶועלְן אַלֶעס אָפְּלָאזְן, אוּן אֲפִילוּ דוּ מֵיינְסְט אַז דַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען נָאךְ קְלֵיין, זֵיי כַאפְּן נִישְׁט, דָאס אִיז אַ גֶעלֶעכְטֶער; דִי קִינְדֶער וֵוייסְן אַלֶעס אוּן כַאפְּן אַלֶעס, אִין אַ בְּחִינָה וֵוייסְן זֵיי נָאךְ מֶער וִוי דוּ וֵוייסְט אַלֵיינְס, דִי קִינְדֶער קֶענֶען דֶעם טַאטְן בֶּעסֶער וִוי דֶער טַאטֶע קֶען זִיךְ אַלֵיינְס. אִיךְ בֶּעט דִיר, שַׁבָּת אִין שׁוּל זָאלְסְטוּ זִיצְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, שְׁמוּעֶס נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, זֶעץ זִיךְ מֶער אַרוֹיף, מֶער פוּן אוֹיבְן, נִישְׁט בַּיים עֶק, אוֹיךְ בַּיי שָׁלשׁ סְעוּדוֹת זִיץ מִיט דִי אִידְן וָואס זִיצְן בַּיים טִישׁ מִיט שְׁטְרַיימְל אוּן בֶּעקִיטְשֶׁע אוּן זִינְגֶען זְמִירוֹת, זִיץ נִישְׁט בַּיים עֶק טִישׁ וואוּ מֶען שְׁמוּעֶסְט, אָדֶער גָאר מִיט דִי מַתְמִידִים וָואס זָאגְן מִשְׁנָיוֹת וְכוּ׳.

יֶעצְט זוּמֶער אִיז דָא לַאנְגֶע פְרַייטָאגְס אוּן לַאנְגֶע שַׁבָּת נָאכְמִיטָאגְס, זָאלְסְטוּ זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין צוּ לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים, שַׁבָּת אִיז אַ צַייט פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה; לֶערְן מִשְׁנָיוֹת, גְמָרָא וְכוּ׳.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ נִישְׁט מַאכְן קֵיין שָׁלשׁ סְעוּדוֹת אִין שְׁטוּבּ פַאר חֲבֵרִים, עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי; סֵיי דוּ גֵיי נִישְׁט אִין דַיין חַבֶר׳ס הוֹיז אוּן סֵיי רוּף נִישְׁט קֵיין חֲבֵרִים אִין דַיין הוֹיז, הַאלְט דַיין הוֹיז פְּרִיוַואט.

אַ גוּט שַׁבָּת און אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

### נִישְׁט אַרַיינְנֶעמֶען אִין מוֹיל אַ זַאךְ אָן אַ הֶכְשֵׁר

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר טָהֳרָה, א׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיָּיר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאף אַז דִי מַעֲשֶׂה אִיז נִישְׁט אֱמֶת, אַז אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים פוּנֶעם טְרִיפּ קַיין וַואשִׁינְגְטָאן, וֶוען דִי רֶעדְל פוּן דִי בָּאס הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן בְּרֶענֶען און מֶען אִיז גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֶעקְן בַּיי אַ גֶעז סְטֶעיְשְׁן - הָאסְטוּ גֶענוּמֶען פוּן דִי טְרִינְקֶען און פוּן דִי נַאשׁ וָואס הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין הֶכְשֵׁר הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, מִיט אַ תֵּירוּץ אַז דֶער גוֹי דֶער אַרְבֶּעטֶער זָאגְט אַז עֶס אִיז כָּשֵׁר.

אִיךְ הָאף אַז דִי מַעֲשֶׂה אִיז נִישְׁט וָואר, אוֹיבּ יָא - דַארְפְסְטוּ שְׁטַארְק תְּשׁוּבָה טוּן אַז דוּ בִּיסְט נִכְשָׁל גֶעוָוארְן מִיט עֶסְן מַאֲכָלוֹת אֲסוּרוֹת, אֲפִילוּ עֶס אִיז נָאר פָּאטֶעטָא טְשִׁיפְּס און נָאר טְרִינְקֶען, אוֹיבּ הָאט דָאס נִישְׁט קֵיין הֶכְשֵׁר.

עֶס אִיז מִיר אַ וואוּנְדֶער אַז קֵיינֶער הָאט גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט, עֶס אִיז מִיר אַ גְרוֹיסֶע וֵוייטָאג, אִיךְ בִּין זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט אַז עֶס קֶען פַּאסִירְן אִין יְשִׁיבָה אַזַא זַאךְ, וַוייל אֲפִילוּ מֶען אִיז מִיד און אֲפִילוּ מֶען אִיז גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֶעקְן אוּנְטֶערְוֶועגְנְס - אִיז דָאס נִישְׁט קֵיין תֵּירוּץ; אַ אִיד נֶעמְט נִישְׁט אַרַיין אִין מוֹיל קֵיין שׁוּם זַאךְ אָן אַ הֶכְשֵׁר.

עֶס זֶעט מִיר אוֹיס אַז דוּ מֵיינְסְט אַז בְּרֶסְלֶב אִיז אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן זִיךְ, חַס וְשָׁלוֹם חַס וְשָׁלוֹם, בְּרֶסְלֶב אִיז נָאר מְחַזֵּק זַיין אוֹיף קִיּוּם הַתּוֹרָה וְהַמִּצְוֹות.

...

## נָאר אֱמֶת קְלֶעבְּט זִיךְ אָן אִין תַּלְמִידִים וְתַלְמִידוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר טָהֳרָה, א׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיָּר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דִי פְּרַאגֶע.

לֶערְנְט מִיט דִי תַּלְמִידוֹת אֱמֶת׳דִיגֶע זַאכְן, נָאר אֱמֶת קְלֶעבְּט זִיךְ אָן אִין תַּלְמִידִים וְתַלְמִידוֹת, אַז מֶען לֶערְנְט לִיגְנְט - מַאכְט דָאס נָאר אַ חוּרְבָּן; עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת צוּ לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער אַז נָאר דָא בַּיי אוּנְז הָאט מֶען אַ חַיִּים טוֹבִים, נָאר בַּיי אוּנְז אִיז דָא שָׁלוֹם בַּיִת אוּן נָאר בַּיי אוּנְז זֶענֶען דִי מֶענְטשֶׁער עֶרְלִיךְ, דָאס אִיז לִיגְנְט, אוּן אַז אִיר וֶועט מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ לֶערְנֶען מִיט דִי תַּלְמִידוֹת אוֹיף דֶעם אוֹפֶן - וֶועט אִיר זֵיי נָאר דֶערְוַוייטֶערְן פוּן דִי אֱמֶת.

דֶער אֱמֶת אִיז נָאר אֵיין זַאךְ: ״מֹשֶׁה אֱמֶת, וְתוֹרָתוֹ אֱמֶת״ (בָּבָא בַּתְרָא עד.), ״וַה׳ אֱלֹהִים אֱמֶת״ (יִרְמְיָה י, י), פוּן דֶעם דַארְף מֶען רֶעדְן צוּ תַּלְמִידִים וְתַלְמִידוֹת, נָאר דִי תּוֹרָה אִיז אֱמֶת, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אֱמֶת.

דִי אַלֶע וָואס רֶעדְן פוּן ׳בַּיי אוּנְז אִיז דִי אֱמֶת׳ אוּן ׳נָאר בַּיי אוּנְז אִיז דָא לֶעבְּן׳ אוּן נָאכְאַמָאל ׳בַּיי אוּנְז ...׳ - דִי זֶענֶען נַארָנִים אוּן דִי מַאכְן חֻרְבָּנוֹת, עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט אֱמֶת, וַוייל אֱמֶת אִיז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן דִי תּוֹרָה; עֶס אִיז דָא אַסַאךְ קְהִלּוֹת בְּיִשְׂרָאֵל מִיט עֶרְלִיכֶע אִידְן וָואס לֶעבְּן מִיט דִי תּוֹרָה אוּן מִיט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, עֶס אִיז נַארִישׁ צוּ זָאגְן אַז נָאר בַּיי אוּנְז אִיז דִי וֶועג, דָאס אִיז נַארִישׁ אוּן טִפְּשׁוּת אוּן שֶׁקֶר.

לֶערְנְט דִי תַּלְמִידוֹת אַז אוֹיבּ מֶען ווִיל הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן גֵייט דָאס נָאר מִיט דִי תּוֹרָה, אוּן צוּ ווִיסְן וָואס דִי תּוֹרָה זָאגְט דַארְף מֶען הָאבְּן אַ רָב, אַ דַיָּין, אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס אִיז מַדְרִיךְ, אוּן אַז דִי תַּלְמִידָה וָואס זָאגְט אַייךְ אַז זִי ווִיל גֵיין קַיין ...., אַז אִיר וֶועט אִיר זָאגְן: ׳דָארְט אִיז נִישְׁטָא קֵיין גוּטֶע לֶעבְּן׳ - דָאס אִיז לִיגְנְט; וָואס דֶען? זָאגְט אִיר: ״קֶענְסְט גֵיין קַיין ...., אָבֶער אוֹיךְ דָארְט וֶועסְטוּ דַארְפְן הָאבְּן אַ רָב, אַ דַיָּין, אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וֶועם צוּ פְרֶעגְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן״.

אִיךְ זֶע אַז אִיךְ דַארְף נָאכְאַמָאל אָנְהֵייבְּן פוּנְדַאסְנִיי אוֹיסְלֶערְנֶען דִי טִיטְשֶׁערְס וָואס צוּ רֶעדְן, מֶען זָאל נִישְׁט רֶעדְן אִיבְּרִיגֶע רֵייד.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין.

...

## בַּיי אַ אִיד אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט שְׁפֶּעט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ב׳ אִיָּיר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, ווילְיַאמְסְבּוּרְג**

אַלְץ בֶּעטְסְטוּ בְּרָכוֹת אוּן סְגוּלוֹת צוּ מַצְלִיחַ זַיין אִין דַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן; עֶס אִיז דָא אֵיין סְגוּלָה, וָואס אַז דוּ װֶעסְט דָאס טוּן - װֶעסְטוּ זִיכֶער מַצְלִיחַ זַיין, אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין גְרִינְגֶע סְגוּלָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה חֵלֶק ב, סִימָן א): ״מִי שֶׁהוּא שָׂמֵחַ תָּמִיד, עַל יְדֵי זֶה הוּא מַצְלִיחַ״, װֶער עֶס אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ - אִיז מַצְלִיחַ אִין לֶעבְּן; דִי זַאךְ אִיז אָבֶּער נִישְׁט גְרִינְג, עֶס אִיז גְרִינְגֶער צוּ פָארְן צוּ אַלֶע מְקוֹמוֹת הַקְּדוֹשִׁים אוּן צוּ טוּן שְׁוֶוערֶע סְגוּלוֹת - ווִי פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי׳ן מִיט זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן אִין דֶעם לִיגְט דַיין הַצְלָחָה.

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ גֶעפַאלְט פֶּסַח שֵׁנִי, מִיר לֶערְנֶען זִיךְ פוּן פֶּסַח שֵׁנִי אַז בַּיי אַ אִיד אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט שְׁפֶּעט, מֶען קֶען אַלְץ אָנְהֵייבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווִי לַאנְג מֶען לֶעבְּט קֶען מֶען תְּשׁוּבָה טוּן, מֶען קֶען אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן; אַזוֹי ווִי דֶער גְרוֹיסֶער צַדִּיק רֶבִּי יִשְׂרָאֵל סַאלַאנְטֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט. אַמָאל אִיז עֶר אַרַיין אַבִּיסְל שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט צוּם שׁוּסְטֶער אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט אוֹיב עֶר נֶעמְט נָאךְ אָן אַזוֹי שְׁפֶּעט צוּ פַארְרֶעכְטְן זַיינֶע שִׁיךְ, הָאט דֶער שׁוּסְטֶער גֶעזָאגְט: ״רֶבִּי, כָּל זְמַן דִי לֶעכְט בְּרֶענְט - קֶען מֶען נָאךְ פַארְרֶעכְטְן״; דֶער צַדִּיק אִיז זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן פוּן דֶעם אוּן עֶר פְלֶעגְט דָאס חַזֶר׳ן בַּיי זַיינֶע דְרָשׁוֹת, עֶר פְלֶעגְט זָאגְן: ״רַבּוֹתַי כָּל זְמַן דִי לֶעכְט בְּרֶענְט, דָאס מֵיינְט מֶען דֶעם ׳נֵר הַשֵּׁם נִשְׁמַת אָדָם׳ מֶען לֶעבְּט נָאךְ - קֶען מֶען אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן״; אוּן דָאס אִיז בְּעֶצֶם דֶער לִימּוּד פוּן פֶּסַח שֵׁנִי,

אַז אֲפִילוּ מֶען זֶעט זִיךְ טָמֵא לְנֶפֶשׁ, מֶען הָאט פַארְפַּאסְט קָרְבַּן פֶּסַח - קֶען מֶען נָאךְ זוֹכֶה זַיין צוּ מַאכְן דֶעם ׳פֶּסַח שֵׁנִי׳.

דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ נִישְׁט זִינְגֶען מֶער דֶעם נִיגוּן: ׳אִיךְ בִּין שׁוֹין שְׁפֶּעט, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פַארְפַּאסְט אַלֶעס, אוּן נָאר אוֹיבּ אִיךְ וֶועל מְגוּלְגָל וֶוערְן נָאכְאַמָאל אֶפְשָׁר דֶעמָאלְט וֶועל אִיךְ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער אִין דֶעם גִלְגוּל אִיז שׁוֹין שְׁפֶּעט׳; עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, בַּיי אַ אִיד אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט שְׁפֶּעט; מֶען קֶען אַלְץ פַארֶערכְטְן, מֶען קֶען אַלְץ אָנְהֵייבְּן סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת אוּן סַיי בְּרוּחָנִיּוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גְלֵייבּ אַז דוּ קֶענְסְט פַארֶערכְטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ב׳ אִיָּיר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קַאנַאדַא**

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פוּן דִיר לַאנְג נִישְׁט גֶעהֶערְט, אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶעס בַּיי דִיר אִיז גוּט אוּן אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם. שְׁטַארְק זִיךְ מִיטְן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן, אוּן אַז דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם וִויל דִיךְ נָאר צֶעבְּרֶעכְן מִיט דַיין עָבַר - זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיטְן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת, בַּאזוּנְדֶער יֶעצְט וֶוען מִיר לֶערְנֶען דִי פַּרְשָׁה פוּן פֶּסַח שֵׁנִי זֶעעֶן מִיר דֶעם לִימוּד פוּן רֶבִּי׳ן וָואס הָאט גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן קיב): ״אִם אַתָּה מַאֲמִין, שֶׁיְּכוֹלִין לְקַלְקֵל״, אוֹיבּ דוּ גְלֵייבְּסְט אַז דוּ קֶענְסְט פַארְדַארְבְּן, ״תַּאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְתַקֵּן״, דַארְפְסְטוּ אוֹיךְ גְלֵייבְּן אַז דוּ קֶענְסְט צוּרִיק פַארֶערכְטְן; דֶער זֶעלְבֶּער תּוֹרָה וָואס זָאגְט אַז מֶען טָאר נִישְׁט טוּן שְׁלֶעכְטְס זָאגְט אוּנְז וָואס צוּ טוּן אוֹיבּ מִיר זֶענֶען יָא לֵיידֶער נִכְשָׁל גֶעוָוארְן, דִי תּוֹרָה גֶעבְּט אוּנְז דִי מִצְוָה פוּן תְּשׁוּבָה, אוּן אַז אַ אִיד טוּט תְּשׁוּבָה, מֶען אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאגְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען גֵייט שׁוֹין זַיין גוּט - זָאגְן אוּנְז חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (תּוֹרַת כֹּהֲנִים, בְּחוּקוֹתַי) - זָאגְט דֶער

אֵייבֶּערְשְׁטֶער: "מִיַּד שֶׁהֵם מִתְוַדִּים עַל עֲוֹנוֹתֵיהֶם, מִיַּד אֲנִי חוֹזֵר וּמְרַחֵם עֲלֵיהֶם", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְוַודֶּה אוֹיף זַיינֶע עֲבֵירוֹת - בִּין אִיךְ אִים גְלַייךְ מוֹחֵל, און אִיךְ פִיר זִיךְ מִיט אִים מִיט רַחְמָנוּת.

מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס רַחְמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (דְּבָרִים רַבָּה ב, יב): "יָדוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְעוֹלָם פְּתוּחָה לְקַבֵּל שָׁבִים", דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הַאנְט אִיז שְׁטֶענְדִיג אוֹיסְגֶעשְׁטְרֶעקְט אָנְצוּנֶעמֶען דִי מֶענְטְשְׁן וָואס טוּעֶן תְּשׁוּבָה; נָאךְ זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (יוֹמָא פו:): "גְּדוֹלָה תְּשׁוּבָה" תְּשׁוּבָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, "שֶׁבִּשְׁבִיל יָחִיד שֶׁעָשָׂה תְּשׁוּבָה, מוֹחֲלִין לְכָל הָעוֹלָם כּוּלוֹ", אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט תְּשׁוּבָה - אִיז מֶען מוֹחֵל פַאר אִים און פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט; עַל כֵּן זָאלְסְטוּ פוּן דִי מִינוּט תְּשׁוּבָה טוּן, זָאג פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין גוּט, אִיךְ גֵיי שׁוֹין מֶער נִישְׁט טוּן דִי נַארִישְׁקֵייטְן"; וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר מוֹחֵל זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, נִישְׁטָא קֵיין יֵאוּשׁ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ב' אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וֵוייס אַז דוּ פְּלָאגְסְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן בִּקְדֻשַּׁת הַבְּרִית און עֶס אִיז דִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער, עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר יֶעדְן טָאג בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע בְּרֶענֶעדִיגֶע נִסְיוֹנוֹת, דֶער יֵצֶר הָרָע קוּמְט יֶעדְן טָאג צוּ דִיר און וַוארְפְט דִיךְ אַרָאפּ אִין דִי בִּיטֶערֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, אִין דִי רְצִיחָה פוּן הַרְג'עֶנֶען דִי קִינְדֶער רַחֲמָנָא לִצְּלָן, עֶס אִיז דִיר אַזוֹי בִּיטֶער, דוּ שְׁפִּירְסְט אַלֶע בִּיטֶערֶע טַעֲמִים, דוּ ווִילְסְט נִישְׁט לֶעבְּן, דוּ ווִילְסְט שְׁטַארְבְּן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ מַיין לִיבֶּער טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט

(לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן עח): "נִישְׁטָא קֵיין יֵאוּשׁ", אוּן אֲפִילוּ מֶען אִיז גֶעפַאלְן אִין קוּקְן דִי עֶרְגְסְטֶע זַאכְן, מֶען אִיז גֶעפַאלְן אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְּלָן – דַארְף מֶען ווִיסְן אַז פוּן דָארְט קֶען מֶען זִיךְ אוֹיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פוּן דָארְט קֶען מֶען זִיךְ אוֹיךְ אוֹיפְהֵייבְּן, אוּן דִי אַלֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס בּוּזְשֶׁעוֶוען: 'וָואס? אִיךְ קֶען דֶען נָאךְ תְּשׁוּבָה טוּן? אִיךְ קֶען דֶען נָאךְ זַיין אַ צַדִיק? אִיךְ הָאבּ דָאךְ גֶעטוּן גֶעפֶערְלִיכֶע עֲבֵירוֹת?!' דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען דֶעם קוֹל וָואס דֶער צַדִיק שְׁרֵייט, דֶער קוֹל פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס הָאט גֶעשְׁרִיגְן מִיט זַיין גַאנְצֶע כֹּחַ (שָׁם): "**גִיוַואלְד! אֵין שׁוּם יֵאוּשׁ בָּעוֹלָם כְּלָל, קֵיין יֵאוּשׁ אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאן!**"

דָאס אִיז דֶער לִימוּד פוּן פֶּסַח שֵׁנִי, מֶען זֶעט קְלָאר אַז עֶס נִישְׁטָא קֵיין יֵאוּשׁ, ווַייל פוּן אוֹיבְּנְאוֹיף אִיז דִי רִיכְטִיגֶע סְבָרָה צוּ זָאגְן 'וֶוער עֶס אִיז טָמֵא הָאט פַארְפַאסְט, עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ פַאר זֵיי צוּ בְּרֶענְגֶען דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח, אַז מֶען אִיז טָמֵא אִיז מֶען טָמֵא, עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ', אָבֶּער דִי תּוֹרָה לֶערְנְט אוּנְז אַז 'אֵין שׁוּם יֵאוּשׁ בָּעוֹלָם כְּלָל', אֲפִילוּ דֶער וָואס אִיז טָמֵא – קֶען אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע קְדֻשּׁוֹת; אוֹיבּ וֶועט עֶר נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, עֶר וֶועט זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין, עֶר וֶועט נֶעמֶען דִי עֵצוֹת פוּן דִי צַדִיקִים וָואס זֵיי לֶערְנֶען אוּנְז אַז אֲפִילוּ דֶער וָואס זֶעט אוֹיס ווִי עֶר קֶען נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַ צַדִיק, אוֹיבּ וֶועט עֶר דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען אוּן נִישְׁט אָפְּלָאזְן זַיינֶע גוּטֶע רְצוֹנוֹת – וֶועט עֶר אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ צַדִיק.

אַז דוּ ווִילְסְט פַארְרֶעכְטְן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע עֲבֵירָה, זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דֶעם תִּיקוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ], אוּן זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער נֶעם אָן מַיין תְּשׁוּבָה, נֶעם אָן מַיין צֶעבְּרָאכֶענֶע הַארְץ, אִיךְ ווִיל נִישְׁט טוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, אִיךְ ווִיל זַיין גוּט, אִיךְ הָאבּ פֵייעֶרְדִיגֶע נִסְיוֹנוֹת, אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט שְׁטַארְקְן, אָבֶּער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה, אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין גוּט, אִיךְ גֵיי מֶער נִישְׁט פּוֹגֵם זַיין"; קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס פַאר אַ רַעשׁ עֶס וֶוערְט אִין הִימְל פוּן דִי וֶוערְטֶער, דָאס זֶענֶען דָאךְ מַמָשׁ דִי וֶוערְטֶער וָואס דִי תּוֹרָה

**זָאגְט, אַז דִי אִידְן הָאבְּן גֶע'טַעֲנָה'ט צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ** (בַּמִּדְבָּר ט, ז) **: "לָמָּה נִגָּרַע", וָואס זֶענֶען מִיר אַנְדֶערְשׁ, "לְבִלְתִּי הַקְרִב אֶת קָרְבַּן ה'", אַז פַּאר אוּנְז גֵייט נִישְׁט עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, מִיר פַּאלְן אִין דִי טוּמְאָה?! אוּן דִי וֶוערְטֶער הָאבְּן גֶעמַאכְט אַזַא רַעַשׁ אַז מֶען הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן אַ פֶּסַח שֵׁנִי, אוּן אַזוֹי אִיז עַד הַיּוֹם הַזֶּה, אַז אַ אִיד קוּמְט אוּן זָאגְט אוֹיס זַיין צֶעבְּרָאכְן הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר טַעֲנָה'ט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, 'לָמָּה נִגָּרַע', פַּארְוָואס בִּין אִיךְ אַנְדֶערְשׁ? אִיךְ ווִיל אוֹיךְ זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ ווִיל אוֹיךְ זַיין הֵיילִיג" - נֶעמְט מֶען אַרָאפּ פוּן זִיךְ אַלֶע קִטְרוּגִים אוּן מֶען עֶפְנְט אִים אוֹיף דִי טוֹיעֶרְן פוּן קְדוּשָּׁה.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**...**

**דֶער יֵצֶר הָרָע לָאקֶערְט אוֹיף יוּנְגֶע פָּארְפֶעלְקֶער**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ג' אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אַז דוּ זִיצְט בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ בַּיים טִישׁ, דוּ בִּיסְט אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ - דַארְפְסְטוּ טוֹישְׁן דִי וֶועג ווִי אַזוֹי דוּ פִירְסְט זִיךְ, דִי וֶועג ווִי אַזוֹי דוּ רֶעדְסְט אִין שְׁטוּבּ מִיט דַיין וַוייבּ; אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר אִינְגֶערְמַאן רֶעדְט נִישְׁט אַזוֹי, אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר אִינְגֶערְמַאן רֶעדְט אֵיידְל מִיט דֶּרֶךְ אֶרֶץ.**

**רֶעד שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ, פִיר זִיךְ עֶרְלִיךְ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן** (פְּסָחִים מט:)**, נָאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד רֶעדְט שֵׁיין, אִיז מְפַיֵּיס, בֶּעט אִיבֶּער וְכוּ'; אָן יִרְאַת שָׁמַיִם פִירְט מֶען זִיךְ ווִי אַ חַיָּ' רָעָה, 'מַכָּה' - מֶען טוּט וֵויי, מֶען שְׁטֶעכְט, מֶען מַאכְט וֵוייטָאג, מֶען מַאכְט וֵויינֶען הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.**

**ווִיפִיל הָאט דֶער רֶבִּי אוּנְז אָנְגֶעזָאגְט מִיר זָאלְן מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ; שָׁלוֹם בַּיִת אִיז בַּיים רֶבִּי'ן גֶעוֶועזְן אַ יְסוֹד אִין לֶעבְּן, רֶבִּי נָתָן זָאגְט** (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסד) **: "הִזְהִיר לְכַבֵּד וּלְיַקֵּר אֶת אִשְׁתּוֹ", דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז זֵייעֶר גֶעוָוארֶענְט מִיר זָאלְן מְכַבֵּד זַיין אוּן הַאלְטְן טֵייעֶר דִי וַוייבּ, ווַייל דִי וַוייבֶּער לַיידְן אִין**

לֶעבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ צַעַר, זֵיי הָאבְּן גְרוֹיסֶע יְסוּרִים פוּן דִי קִינְדֶער, צַעַר הָעִיבּוּר, צַעַר הַלֵּידָה אוּן צַעַר גִּדּוּל בָּנִים.

מוֹהֲרַנַ"ת דֶערְצֵיילְט (שָׁם, סִימָן רסג), אֵיינֶער הָאט אִים דֶערְצֵיילְט, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ שְׁמוּעֶס מִיטְן רֶבִּי'ן אִיבֶּער דֶעם וָואס מֶען זֶעט אִינְגֶעלַייט צֶעטֵיילְן זִיךְ פַּאר אַ שְׁטִיק צַייט אוּן אַסַאךְ מָאל וֶוערְט נָאכְדֶעם אַ גֶט חַס וְשָׁלוֹם, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז דֶער יֵצֶר הָרָע מַאכְט מֶען זָאל זִיךְ צֶעטֵיילְן, וַוייל אַז מֶען אִיז אָן אַ וַוייבּ כַאפְּט עֶר אַרַיין דֶעם מֶענְטְשׁ בַּיי אִים אִין זַאק אַרַיין, וַוייל דֶער יֵצֶר הָרָע לָאקֶערְט אוֹיף יוּנְגֶע פָּארְפֶעלְקֶער זֵיי צוּ צֶעטֵיילְן אוּן אַזוֹי כַאפְּט עֶר זֵיי אַרַיין אִין שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**נָאר מִיט לֶערְנֶען תּוֹרָה שְׁפִּירְט מֶען זִיךְ גוּט אוּן צוּפְרִידְן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ג' אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם**

אַז דוּ ווילְסְט זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיף דַיינֶע יֵצֶר הָרָע'ס וָואס פְּלַאקֶערְט אִין דִיר - אִיז דָאס נָאר דוּרְךְ לִימוּד הַתּוֹרָה.

זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דַיינֶע שִׁיעוּרִים אוּן מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין לֶערְנֶען גְמָרָא, לֶערְנֶען גְמָרָא קְלֶעבְּט צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא, אוּן אוֹיךְ אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט דָאס לֶערְנֶען - זָאלְסְטוּ וַוייטֶער לֶערְנֶען; לֶערְן אָן פַארְשְׁטֵיין, זָאג דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי גְמָרָא; וַוייל אַז מֶען לֶערְנְט, אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין - וֶוערְט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידּוּשִׁין ל:), דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "בָּנַי, בָּרָאתִי יֵצֶר הָרָע וּבָרָאתִי לוֹ תּוֹרָה תַּבְלִין", אִיךְ הָאבּ בַּאשַׁאפְן דֶעם יֵצֶר הָרָע אָבֶּער אִיךְ הָאבּ בַּאשַׁאפְן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, "אִם אַתֶּם עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה אֵין אַתֶּם נִמְסָרִים בְּיָדוֹ", אוֹיבּ לֶערְנְסְטוּ תּוֹרָה וֶועסְטוּ נִישְׁט זַיין אוּנְטֶער אִים; דִי תּוֹרָה הִיט דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען רַאטֶעוֶוען פוּן דִי נִסְיוֹנוֹת.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, הַארְצִיגֶער חַבֵר, נָאר דִי תּוֹרָה מַאכְט לִיכְטִיג, נָאר אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה שְׁפִּירְט מֶען זִיךְ גוּט, מֶען שְׁפִּירְט צוּפְרִידְן. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין כד.), אוֹיפְן פָּסוּק (אֵיכָה ג, ו): "בְּמַחֲשַׁכִּים הוֹשִׁיבַנִי כְּמֵתֵי עוֹלָם', אָמַר רַבִּי יִרְמְיָה זֶה תַּלְמוּדָהּ שֶׁל בָּבֶל", מוֹהַרְשָׁ"א זָאגְט פְּשַׁט, וֶוען אֵיינֶער רֶעדְט זִיךְ אָפּ, עֶר וֵויינְט 'בְּמַחֲשַׁכִּים הוֹשִׁיבַנִי', אִיךְ זִיץ אִין דִי פִינְסְטֶערְנִישׁ, 'כְּמֵתֵי עוֹלָם', אִיךְ בִּין אַזוֹי וִוי אַ טוֹיטֶער פוּן צָרוֹת, מְרִירוּת, הַשְׁלָכוֹת וּנְפִילוֹת; זָאגְט מֶען אִים, הָאסְט אַן עֵצָה אַרוֹיסְצוּגֵיין דֶערְפוּן, עֶס אִיז דָא אַן עֵצָה צוּ וֶוערְן אוֹיס טוֹיט, 'זֶה תַּלְמוּדָהּ שֶׁל בָּבֶל', נֶעם אַ גְמָרָא, הֵייבּ אָן לֶערְנֶען, וֶועט דִיר לִיכְטִיג וֶוערְן, וֶועסְט וֶוערְן לֶעבֶּעדִיג.

יֶעצְט וֶוען מִיר זֶעעֶן וִוי דִי אִידְן וָואס הָאבְּן גֶעבֶּעטְן אַ פֶּסַח שֵׁנִי הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דֶעם, זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז אוֹיבּ דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה – וֶועסְטוּ אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן אַלֶע צָרוֹת, אוּן אֲפִילוּ דוּ קֶענְסְט נָאכְנִישְׁט לֶערְנֶען, דוּ הָאסְט נִישְׁט קֵיין פַארְשְׁטַאנְד אוּן דוּ הָאסְט נִישְׁט קֵיין טַעַם – זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה. נֶעם אַ גְמָרָא אוּן זָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא אוּן נָאךְ אַ בְּלַאט גְמָרָא, בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן אַ פֶּרֶק, אוּן אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן וַוייטֶער, גֵיי צוּם צְוֵוייטְן פֶּרֶק בִּיז דוּ עֶנְדִיגְסְט אַ מַסֶכְתָּא, דַאן זָאלְסְטוּ גֵיין צוּ דִי קוּמֶענְדִיגֶע מַסֶכְתָּא. דָאס וֶועט דִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן אַלֶע טוּנְקֶלְקֵייטְן, עֶס וֶועט דִיר לִיכְטִיג מַאכְן, אוּן בַּיים סוֹף וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען פַארְשְׁטַאנְד, דוּ וֶועסְט בַּאקוּמֶען אַ גֶעפִיל אוּן אַ טַעַם צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### פוּן קוּקְן אוֹיף צוּרִיק, קוּמְט נִישְׁט קֵיין גוּטְס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג' פָּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ד' אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

וִויפִיל דַארְפְן מִיר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען מְקוּרָב צוּ וֶוערְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס אִיז אוּנְז מְחַזֵק מִיט אַזֶעלְכֶע

חִיזוּקִים, אַז אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַ שִׁבְרֵי כֵּלִי, עֶר הָאט שׁוֹין אוֹיפְגֶעגֶעבְּן אוֹיף זִיךְ אוּן פְּלוּצְלוּנְג הָאט עֶר גֶעפִינֶען דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים אוּן דָאס דְרֵייט אִיבֶּער פוּן טוּנְקֶל צוּ לִיכְטִיג, פוּן שְׁוַוארְץ צוּ וַוייס, מֶען הֵייבְּט אָן זֶען אַ וֶועג אַז מֶען קֶען נָאךְ יָא אָנְקוּמֶען צוּ דִי קְדוּשָׁה.

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ לֵיל שִׁשִּׁי אִיז פֶּסַח שֵׁנִי; וויסְן זָאלְסְטוּ, פֶּסַח שֵׁנִי לֶערְנְט אוּנְז זֵייעֶר אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ פַאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אַז אֲפִילוּ מֶען הָאט נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ רֵיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען, מֶען הָאט גֶעטוּן עֲבֵירוֹת, מֶען אִיז גֶעוֶוען פַארְזִינְקֶען אִין דִי טוּמְאָה - קֶען מֶען נָאכְאַלְץ זוֹכֶה זַיין אַלֶעס צוּ פַארְרֶעכְטְן אוּן אַרַיינְגֵיין אִין דִי קְדוּשָּׁה, אַזוֹי ווִי דִי אִידְן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען טָמֵא בַּיים מַקְרִיב זַיין דִי קָרְבַּן פֶּסַח, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעשְׁלָאסְן פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל - הָאבְּן בַּיים סוֹף זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ פֶּסַח שֵׁנִי, אַזוֹי אוֹיךְ קֶען יֶעדֶער אִיד זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה, מֶען קֶען אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן, אֲפִילוּ מֶען הָאט פַארְפַאסְט דִי יוּנְגֶע יָארְן.

דֶער יֵצֶר הָרָע וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אַ מֶלֶךְ זָקֵן וּכְסִיל, אַן אַלְטֶער נַארִישֶׁער קֶענִיג, עֶר טְרָאגְט דֶעם טִיטְל ׳אַלְט׳ ווַייל עֶר בְּרֶענְגְט כְּסֵדֶר פַארְן מֶענְטְשׁ זַיינֶע אַלְטֶע מַעֲשִׂים, עֶר וויל צֶעבְּרֶעכְן דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר ווִיל אִים מַחְלִישׁ דַּעַת זַיין, עֶר זָאגְט פַארְן מֶענְטְשׁ: ׳לָאז דִיךְ אָפּ, דוּ וֶועסְט שׁוֹין נִישְׁט זַיין קֵיין צַדִּיק, דוּ בִּיסְט טָמֵא, דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן זֶענֶען פוּל מִיט חַטַּאת נְעוּרִים, פַארְשְׁמִירְט מִיט פְּגַם הַבְּרִית׳, אָבֶּער אַז מֶען הָאט שֵׂכֶל אוֹיסְצוּהֶערְן דִי קוֹל פוּן צַדִּיק וָואס לֶערְנְט אוּנְז - פֶּסַח שֵׁנִי; אֱמֶת דוּ הָאסְט פַארְפַאסְט דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, אֱמֶת דוּ הָאסְט מְקַלְקֵל גֶעוֶוען, אָבֶּער דוּ קֶענְסְט יֶעצְט זוֹכֶה זַיין אַלֶעס צוּ פַארְרֶעכְטְן, אוּן אַז דוּ וֶועסְט תְּשׁוּבָה טוּן, דוּ וֶועסְט חֲרָטָה הָאבְּן אוֹיף דַיין עָבָר אוּן זִיךְ מְקַבֵּל זַיין צוּ זַיין גוּט - וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר מוֹחֵל זַיין אוּן דִיר גֶעבְּן נָאךְ אַ טְשֶׁענְס.

אַנְשְׁטָאט זַיין דֶערְבִּיטֶערְט אַז מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט בְּרֶענְגֶען דֶעם עֶרְשְׁטְן קָרְבַּן פֶּסַח, דַארְף מֶען עֶנְדֶערְשׁ זֶען צוּ זִיךְ גְרֵייטְן אוֹיפְן פֶּסַח שֵׁנִי, מֶען דַארְף ווִיסְן אַז פוּן קוּקְן אוֹיף צוּרִיק, פוּן זִיךְ קְלַאפְּן אַז מֶען הָאט פַארְפַאסְט דִי יוּנְגֶע יָארְן - וֶועט קֵיין גוּטְס נִישְׁט אַרוֹיס קוּמֶען; אַוַדַּאי דַארְף

מֶען תְּשׁוּבָה טוּן דֶערוֹיף אוּן יֶעדְן טָאג וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע מַיינֶע חַטַּאת נְעוּרִים", אָבֶּער אַ גַאנְצְן טָאג דַארְף מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן אַרוֹיסְקוּקְן וֶוען קוּמְט שׁוֹין פֶּסַח שֵׁנִי, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוְוענֶען טָאר מֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּנֶעם עָבַר, דֶעמָאלְט דַארְף מֶען אַלֶעס פַארְגֶעסְן. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כו): "בַּיי דִי וֶועלְט אִיז שִׁכְחָה אַ חִסָּרוֹן, אָבֶּער בַּיי מִיר אִיז שִׁכְחָה אַ מַעֲלָה", מֶענְטְשְׁן רֶעדְן זִיךְ אָפּ אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קֵיין גוּטֶע זִכָּרוֹן אוּן זֵיי פַארְגֶעסְן וָואס אִיז גֶעוֶוען, מֶען מֵיינְט אַז דָאס אִיז אַ חִסָּרוֹן, אָבֶּער עֶס אִיז פַארְקֶערְט, עֶס אִיז נָאר אַ מַעֲלָה, וַוייל וֶוען עֶס וָואלְט וֶוען נִישְׁט גֶעוֶוען שִׁכְחָה וָואלְט מֶען נִישְׁט גֶעקֶענְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וָואלְט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ טְרַאכְטְן פוּנֶעם פַארְגַאנְגֶענְהֵייט, פוּן אַלֶע דוּרְכְפֶעלֶער אוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס מֶען אִיז דוּרְךְ, דָאס וָואלְט גוֹרֵם גֶעוֶוען אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט וֶועלְן נָאכְאַמָאל פְּרוּבִּירְן צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אָבֶּער יֶעצְט אַז עֶס אִיז דָא שִׁכְחָה, קֶען מֶען זִיךְ בַּאנֵייעֶן אוּן אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנֵיי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## שְׁלָאגְן אִיז נִישְׁט חִינוּךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ד' אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁלָאג נִישְׁט דַיינֶע קִינְדֶער, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט מֶען זָאל נִישְׁט שְׁלָאגְן קִינְדֶער, אוּן אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט נִישְׁט שְׁלָאגְן - אִיז פֶּערְטִיג, גֶעעֶנְדִיגְט מִיט שְׁלָאגְן, קְלַאפּ עֶס אַרוֹיס פוּן קָאפּ, נִישְׁטָא קֵיין שְׁלָאגְן.

מוֹהֲרַנַ"ת הָאט דֶערְצֵיילְט פַארְן רֶבִּי'ן אַז זַיין זוּן הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרַיינְקוּמֶען שַׁבָּת בַּיי דִי סְעוּדָה צוּם טִישׁ זִיצְן נֶעבְּן אַ גַאסְט וָואס עֶר הָאט אַהֵיים גֶעבְּרֶענְגְט, וַוייל עֶס אִיז גֶעגַאנְגֶען פוּן אִים אַ שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ וְכוּ',

און עֶר הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ אַז עֶר זָאל פָּאלְגְן און אַרַיינְקוּמֶען צוּ דִי סְעוּדָה, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן: "אַ קִינְד שְׁלָאגְט מֶען? אוֹיךְ וִויל אִיךְ דוּ זָאלְסְט נִישְׁט אַהֵיים בְּרֶענְגֶען דִי סָארְט גֶעסְט".

אַז מֶען לֵייגְט צוּ קָאפּ, מֶען טְרַאכְט אַרַיין זֶעט מֶען אַז שְׁלָאגְן אִיז נִישְׁט חִינוּךְ, עֶס אִיז נָאר זִיךְ אוֹיסְצוּבְּלָאזְן דִי נֶערְוֶוען, אַזוֹי אוֹיךְ שְׁרַייעֶן און רֶעדְן סַארְקַאסְטִישׁ אִיז נִישְׁט חִינוּךְ, עֶס אִיז פַּארְקֶערְט פוּן חִינוּךְ, עֶס מַאכְט דִי קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן דִי עֶלְטֶערְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר און אִיךְ וָוארְן דִיךְ, שְׁלָאג נִישְׁט און שְׁרֵיי נִישְׁט און רֶעד נִישְׁט אוֹיף אַ וֶועג פוּן טְשֶׁעפֶּען, און אַז דוּ בִּיסְט נֶערְוֶועז - זָאלְסְטוּ גֵיין אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ זִיךְ אוֹיסְבְּלָאזְן דַיינֶע נֶערְוֶוען.

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ, פֶּסַח שֵׁנִי - וֶועלְן מִיר מְסַיֵּים זַיין מַסֶּכֶת מְנָחוֹת און מִיר הֵייבְּן אָן מַסֶּכֶת חוּלִין; הַלְוַאי זָאלְסְטוּ זִיךְ מִיט כַּאפְּן מִיט דִי סֵדֶר פוּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג גְמָרָא. הֵייבּ אָן הַיינְט מְנָחוֹת דַף ק, לֶערְן יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט, זָאג דִי וֶוערְטֶער אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין; וֶועט דָאס דִיךְ בַּארוּאִיגְן, דוּ וֶועסְט מֶער נִישְׁט שְׁרַייעֶן, שְׁלָאגְן, פְּלִיקְן וְכוּ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## שְׁטַארְק מִיט דִי ווילְן

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ד' אִיָּיר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן**

**יִצְחָק אַהֲרֹן וֵויינְבֶּערְג נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

דַיין פִישׁ יוֹם טוֹב פֶּסַח אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גוּטֶע פִישׁ, דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה הָאבְּן מִיר גֶעזָאגְט אַז דַיין פִישׁ אִיז בֶּעסֶער וִוי דִי פִישׁ וָואס מֶען קוֹיפְט אִין שְׁטָאט; קֶען זַיין אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד אִין דִי צִימֶער וואו דוּ שְׁנַיידְסְט דִי פִישׁ, דָאס אִיז דִי סִיבָּה; אַזוֹי גֵייעֶן אַרַיין דִי דִיבּוּרִים פוּן הִתְבּוֹדְדוּת אִין דִי פִישׁ און עֶס גֶעבְּט אַ רֵיינֶע גוּטֶע טַעַם.

אִיךְ וִויל דִיךְ מְחַזֵּק זַיין דוּ זָאלְסְט יֶעדְן טָאג גֵיין שְׁפַּאצִירְן אִין פֶעלְד

און שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"אִיךְ ווִיל אוֹיךְ זַיין אַ צַדִיק, לָמָּה נִגָּרַע? וָואס בִּין אִיךְ אַנְדֶערְשׁ? אִיךְ ווִיל אוֹיךְ זַיין פְרֵיילִיךְ"**. אַז מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹנֵן אִין דִי פַּרְשָׁה פוּן פֶּסַח שֵׁנִי זֶעט מֶען אַז נָאר וַוייל דִי אִידְן - וָואס הָאבְּן נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מַאכְן דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח - הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן (בַּמִּדְבָּר ט, ז): **'לָמָּה נִגָּרַע' פַארְוָואס זֶענֶען מִיר אַנְדֶערְשׁ? 'לְבִלְתִּי הַקְרִיב קָרְבַּן הַשֵּׁם' אַז מִיר קֶענֶען נִישְׁט מַקְרִיב זַיין דֶעם קָרְבַּן?!'** - הָאט זֵיי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעגֶעבְּן דֶעם פֶּסַח שֵׁנִי; נָאר וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט זֵייעֶר ווִילְן.

אַז מֶען אִיז שְׁטַארְק מִיט דִי ווִילְן, מֶען לָאזְט נִישְׁט אָפּ דִי ווִילְן, וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז מֶען זָאגְט אַרוֹיס דִי ווִילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאגְט: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער לָמָּה נִגָּרַע, וָואס בִּין אִיךְ אַנְדֶערְשׁ? אִיךְ ווִיל אוֹיךְ זַיין אַ צַדִיק, אִיךְ ווִיל אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ וָואס אַלֶע צַדִיקִים הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען"**; דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען בֶּעט אוּן מֶען ווִיל - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ בַּאקוּמֶען אַ פֶּסַח שֵׁנִי, מֶען גֶעבְּט דֶעם מֶענְטְשׁ אַלֶעס וָואס עֶר בֶּעט אוּן אַלֶעס וָואס עֶר ווִיל. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת בִּרְכַּת הַפֵּרוֹת הֲלָכָה ה, אוֹת טז), מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזֶען דִי רָצוֹן, דִי ווִילְן פוּן דִי אִידְן, ווִי זֵיי הָאבְּן גֶעטַעֲנָה'ט 'לָמָּה נִגָּרַע', וָואס זֶענֶען מִיר אַנְדֶערְשׁ? הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָא גֵייט עֶפֶּעס זַיין, מֶען גֵייט זֵיי זִיכֶער גֶעבְּן זֵייעֶר פַארְלַאנְג, וַוייל (שַׁבָּת קד.): **"הַבָּא לִטַהֵר"**, וֶוען מֶען ווִיל זַיין גוּט, **"מְסַיְּעִים אוֹתוֹ"**, הֶעלְפְט מֶען פוּן הִימְל; אוּן טַאקֶע דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל זֵיי גֶעבְּן נָאךְ אַ גֶעלֶעגְנְהֵייט צוּ מַאכְן יֶעצְט דֶעם פֶּסַח.

אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן, זָאג פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן דַיינֶע רְצוֹנוֹת, זָאג פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי שְׁוֶוער דִי נִסְיוֹנוֹת זֶענֶען אוּן ווִי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט זַיין גוּט, רֶעד אוֹיס דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאג: **"בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל זַיין גוּט"**; הֶער נִישְׁט אוֹיף צוּ זָאגְן: **"טַאטֶע אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶס אִיז מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער, ווִיפִיל אִיךְ פְּרוּבִּיר פַאל אִיךְ צוּרִיק"**; וַוייל יֶעדֶע וָוארְט וָואס מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַזוֹי אוֹיךְ יֶעדֶע ווִילְן וָואס מֶען ווִיל זַיין גוּט - אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס וֶוערְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן. אַזוֹי

ווִי דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (תְּרוּמָה קנ:), אַז קֵיין אֵיין גוּטֶע ווִילְן וֶוערְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס הֵייסְט אֲפִילוּ מֶען זֶעט ווִי מֶען אִיז נָאךְ וַוייט פוּן קְדוּשָׁה און מֶען בֶּענְקְט זִיךְ און מֶען הָאפְּט צוּ זַיין גוּט – אִיז דָאס זֵייעֶר חָשׁוּב, און דִי אַלֶע גוּטֶע רְצוֹנוֹת נֶעמֶען זִיךְ צַאם, און אוֹיךְ אַלֶע תְּפִלּוֹת נֶעמֶען זִיךְ צַאם, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה אָנְצוּקוּמֶען צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זִיךְ גְרֵייטְן צוּ דִי חֲתוּנָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג' פָּרָשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ד' אִיָּיר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

יֶעצְט וֶוען דוּ בִּיסְט אַ חָתָן דוּ גְרֵייטְסְט זִיךְ צוּ דַיין חֲתוּנָה – זָאלְסְטוּ אוֹיסְנִיצְן דִי טֶעג און וָואכְן מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, גֵיי יֶעדְן טָאג אִין פֶעלְד מִיט אַ קְבִיעוּת און שְׁמוּעֶס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶרְשְׁט זָאלְסְטוּ אִים דַאנְקֶען, דַאנְק אִים פַאר דַיין שִׁידוּךְ, דַאנְק אִים פַאר דַיין לֶעבְּן, דַאנְק אִים אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוֹת, נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ מַאכְן וִידּוּי דְבָרִים, און עֶנְדִיג מִיט בַּקָּשָׁה; בֶּעט פַאר דִיר און פַאר דַיינֶע דוֹרוֹת.

רֶעדְן און שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אִים בֶּעטְן אוֹיף אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף – אִיז אַ מִצְוַת עֲשֵׂה דְאוֹרַיְיתָא. דֶער רַמְבַּ"ם זָאגְט (פֶּרֶק א מֵהִלְכוֹת תְּפִלָּה, הֲלָכָה א–ב), דַאוֶונֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ מִצְוַת עֲשֵׂה פוּן דִי תּוֹרָה, יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף זָאל מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף סַיי וָואס פַאר אַ שְׁפְּרַאךְ מֶען אִיז צוּגֶעווּאוֹינְט צוּ רֶעדְן, דִי מִצְוָה אִיז צוּ דַאוֶוענֶען יֶעדְן אֵיינְצִיגְן טָאג, עֶס הָאט נִישְׁט קֵיין בַּאשְׁטִימְטֶע צַייט אִין טָאג, און דֶערִיבֶּער זֶענֶען אוֹיךְ פְרוֹיעֶן און קְנֶעכְט מְחוּיָּב צוּ דַאוֶוענֶען; נָאר שְׁפֶּעטֶער וֶוען דִי אַנְשֵׁי כְּנֶסֶת הַגְּדוֹלָה הָאבְּן גֶעזֶען אַז עֶס וֶועט קוּמֶען אַ לַאנְגֶע שְׁוֶוערֶע גָלוּת און מֶען וֶועט אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן פוּן תְּפִלָּה הָאבְּן זֵיי אַוֶועק גֶעשְׁטֶעלְט מִיט רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ

דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת פוּן שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, אַז יֶעדֶער אִיד אִיז מְחִיוּב צוּ דַאוֶונֶען דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת מִיט דִי נוּסָח; אוּן דָאס קוּמְט נִישְׁט צוּ פַארְמִינֶערְן דָאס בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ.

דֶערְפַאר לִיבֶּער בְּרוּדֶער, הַארְצִיגֶער חָבֵר, מַאךְ זִיךְ אַ בַּאשְׁטִימְטֶע צַייט צוּ גֵיין יֶעדְן טָאג אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער גֶעפִינְט זִיךְ נִישְׁט, דָארְט זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּ אִים, בֶּעט אִים דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְרֶעכְטְן אַלֶעס וָואס דוּ דַארְפְסְט פַארְרֶעכְטְן, בֶּעט אִים אַז דַיינֶע טֶעג אוּן יָארְן זָאלְן נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֵיין מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין אִים צוּ דִינֶען מִיט אַן אֱמֶת, וַוייל וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז דִי זַאךְ פוּן הִתְבּוֹדְדוּת – דָאס אִיז דִי שְׁלִיסְל צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, אַלֶע צַדִיקִים הָאבְן עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ק): "מִקָּטָן וְעַד גָּדוֹל אִי אֶפְשָׁר לִהְיוֹת אִישׁ כָּשֵׁר בֶּאֱמֶת, כִּי אִם עַל יְדֵי הִתְבּוֹדְדוּת", מֶען קֶען נִישְׁט זַיין קֵיין עֶרְלִיכֶער אִיד נָאר אַז מֶען מַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת.

טַאקֶע יֶעצְט וֶוען מִיר זֶעעֶן דִי רַחְמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז פֶּסַח שֵׁנִי אִיז דָא סַיי חָמֵץ אוּן סַיי מַצָּה, דָאס מֵיינְט אַז אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז נָאכְנִישְׁט אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט, עֶר אִיז נָאךְ פוּל מִיט חָמֵץ, אוֹיסְגֶעמִישְׁט טוֹב וָרָע וְכוּ' – גֶעבְּט מֶען אִים נָאכְאַלֶץ אַ מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ בְּרֶענְגֶען אַ קָרְבָּן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר הָאט נָאךְ אַ הָאפֶענוּנְג אַלֶעס צוּ פַארְרֶעכְטְן; אוֹיךְ דוּ וָואס דוּ הָאסְט נָאךְ חָמֵץ וְכוּ' – זָאלְסְטוּ זִיךְ אַרַיינְשְׁטוּפְּן אִין דִי קְדוּשָּׁה, זָאלְסְט טוּן דִי עֵצָה פוּן דִי צַדִיקִים, הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה, בִּיז דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין אַז מֶען וֶועט דִיר גֶעבְן אַ פֶּסַח שֵׁנִי, דוּ וֶועסְט וֶוערְן אַ צַדִיק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נָאךְ אַ שַׁאנְס

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פָּרָשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ד׳ אִיָּר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן**

**מַיין לִיבֶּער טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין מֶעסֶעדְזְשׁ ווִי דוּ הָאסְט זִיךְ מְחַיֶּה גֶעוֶוען מִיט דִי בְּרִיוו וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעשְׁרִיבְּן פָארִיגֶע וָואךְ; אַז דוּ הָאסְט זִיךְ אַזוֹי מְחַיֶּ׳ גֶעוֶוען ווִיל אִיךְ דִיר שְׁרַייבְּן נָאךְ אַבִּיסְל פוּן דִי זִיסֶע חִיזוּק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

מִיר שְׁטֵייעֶן אַ וָואךְ פַאר פֶּסַח שֵׁנִי, קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ פְרַייטָאג אֱמוֹר אִיז פֶּסַח שֵׁנִי, דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן פֶּסַח שֵׁנִי אִיז אֵיין גְרוֹיסֶע ווְאוּנְדֶער, ווִי מֶען הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען טָמֵא לְנֶפֶשׁ נָאךְ אַ טְשֶׁענְס צוּ בְּרֶענְגֶען דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח, דָאס אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְקֶע חִיזוּק פַאר אוּנְז צֶעבְּרָאכֶענֶע מֶענְטְשְׁן וָואס מִיר זֶענֶען אִין דִי בְּחִינָה פוּן טְמֵאִים לְנֶפֶשׁ אָדָם, אוּן מִיר הָאבְּן נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קֶענֶען קוּמֶען אִין דִי עֲזָרָה, צוּם מִזְבֵּחַ, צוּ דִי קְדוּשָּׁה; אַז אוֹיבּ מִיר וֶועלְן נִישְׁט אָפְּלָאזְן אוּנְזֶער ווִילְן - וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע קְדֻשּׁוֹת.

אוֹיךְ אִיז דָא נָאךְ אַ שְׁטַארְקֶע זַאךְ, עֶס אִיז אָנְגֶענוּמֶען בַּיי כְּלַל יִשְׂרָאֵל אַז פֶּסַח שֵׁנִי אִיז דִי יָארְצַייט פוּנֶעם הֵיילִיגְן תַּנָּא רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְבָמוֹת סא:): ״רֶבִּי מֵאִיר חַיֵּישׁ לְמִיעוּטָא״, דָאס אִיז דָאךְ מַמָּשׁ דִי זַאךְ פוּן ׳פֶּסַח שֵׁנִי׳, אַז אֲפִילוּ מֶען אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט שְׁלֶעכְטְס זָאל מֶען זוּכְן אִין זִיךְ עֶפֶּעס גוּטְס, בִּיז מֶען וֶועט וֶוערְן אִינְגַאנְצְן גוּט; דָאס אִיז שִׁיטַת רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס, וָואס הָאט אַלְץ חוֹשֵׁשׁ גֶעוֶוען לְמִיעוּטָא.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן רפב), אַז מֶען מוּז זוּכְן אִין זִיךְ גוּטֶע זַאכְן, אוּן אֲפִילוּ מֶען אִיז גוּט צֶעבְּרָאכְן, מֶען זֶעט זִיךְ אַלְס דֶער עֶרְגְסְטֶער מֶענְטְשׁ, מֶען זֶעט זִיךְ אָנְגֶעפִילְט מִיט שְׁלֶעכְטְס, אִיז אָבֶּער זִיכֶער דָא עֶפֶּעס אַ גוּטֶע זַאךְ וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן, אוּן אֲפִילוּ דִי גוּטֶע זַאךְ אִיז נִישְׁט פוּן יֶעצְט, עֶס אִיז פוּן אַ לַאנְגֶע צַייט צוּרִיק - זָאל מֶען טְרַאכְטְן פוּן דִי גוּטֶע זַאךְ וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן אוּן זִיךְ מְחַיֶּה זַיין מִיט דֶעם, דָאס וֶועט מַאכְן אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל וֶוערְן אִינְגַאנְצְן גוּט, אוּן דָאס אִיז דִי פְּשַׁט אִין דִי פָּסוּק

(תְּהִלִּים לז, י): "וְעוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ וְאֵינֶנּוּ", אַז מֶען זוכְט אויף אִין זִיךְ 'עוֹד מְעַט' אַבִּיסְל גוּטְס, 'וְאֵין רָשָׁע', וָואס אִין דִי מְעַט אִיז מֶען נִישְׁט קֵיין רָשָׁע, דֶעמָאלְט 'וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ וְאֵינֶנּוּ', וֶועסְטוּ פְּלוּצְלוּנְג זִיךְ זֶען וִוי אַ נֵייעֶר מֶענְטְשׁ, 'וְאֵינֶנּוּ' מֶען אִיז שׁוֹין נִישְׁט דֶער אַלְטֶער מֶענְטְשׁ.

דָאס אִיז וואונְדֶער וִוי אַזוֹי דָאס אַרְבֶּעט, וִוי נָאר מֶען טְרֶעפְט גוּטֶע זַאכְן אִין זִיךְ אָדֶער אִין אַנְדֶערֶע - קֶען מֶען אִינְגַאנְצְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט וֶוערְן און אוֹיךְ קֶען מֶען אַ צְוֵוייטְן אִינְגַאנְצְן אִיבֶּערְדְרֵייעֶן, דוּרְךְ טְרַאכְטְן אויף יֶענֶעם גוּט, און דוּרְךְ זוּכְן אִין יֶענֶעם גוּטְס; דָאס אִיז שִׁיטַת רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס, וָואס זָאגְט אַז מֶען גֵייט נָאךְ מִיעוּטָא, און דָאס אִיז דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ פוּן פֶּסַח שֵׁנִי; אַז אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז טָמֵא לְנֶפֶשׁ, אוֹיבּ עֶר ווִיל זַיין גוּט, עֶר קוּמְט און עֶר בֶּעט בְּרַחֲמִים: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל אוֹיךְ זַיין גוּט, אִיךְ וִויל אוֹיךְ זַיין אַ צַדִיק, אִיךְ וִויל אוֹיךְ לֶערְנֶען און דַאוְונֶען"; אִיז אֲפִילוּ עֶר אִיז נָאךְ פוּל מִיט פְּרָאבְּלֶעמֶען, אָדֶער אֲפִילוּ בִּבְחִינַת רָשָׁע, אוֹיבּ וֶועט עֶר זוּכְן דֶעם 'עוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע', אַ פִּינְטֶעלֶע וָואס הָאט נִישְׁט קֵיין שְׁלֶעכְטְס, עֶפֶּעס אַ גוּטֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט, אָדֶער אַ גוּטֶע זַאךְ פוּן אַמָאל - וֶועט דָאס אִים אַזוֹי שְׁטַארְקְן, וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ וְאֵינֶנּוּ, אַז עֶר וֶועט וֶוערְן אַ נֵייעֶר מֶענְטְשׁ.

מַאךְ תְּפִלּוֹת דוּ זָאלְסְט קֶענֶען דִי יָאר קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, דֶער רֶבִּי וֶועט מַאכְן שֵׁיינֶע זַאכְן פוּן דִיר; נִישְׁטָא קֵיין וֶועג צוּ קוּמֶען קֵיין אוּמַאן, נָאר מִיט תְּפִלָּה, מִיט בֶּענְקֶען, וֶועלְן און גְלוּסְטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זוּךְ אַ צַדִּיק, דֶערְצֵייל אִים אוֹיס דַיין הַארְץ, אוּן בֶּעט אַן עֵצָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פָּרָשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ד׳ אִיָּיר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ שָׁאד אַז דוּ עֶסְט זִיךְ אוֹיף דַיינֶע קִישְׁקֶעס מִיט דַיין עָבַר, אַ שָׁאד אַז דוּ גֵייסְט נִישְׁט צוּם צַדִּיק זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין אוּן בֶּעטְן אַן עֵצָה.

דוּ וֵוייסְט דִי מַעֲשֶׂה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן נד), עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד וָואס פְּלֶעגְט גֵיין צוּם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דֶער אִיד אִיז לֹא עָלֵינוּ קְרַאנְק גֶעוָוארְן אוּן עֶר הָאט גֶעשִׁיקְט אַ שָׁלִיחַ צוּם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב בֶּעטְן עֶר זָאל קוּמֶען צוּ אִים, וְכֵן הֲוָה, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז גֶעפָארְן אִים מְבַקֵּר חוֹלֶה זַיין, אוֹיפְן וֶועג הָאט דֶער שָׁלִיחַ גֶעפְרֶעגְט דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב: ״אִיךְ הָאבּ דָאךְ גֶעהֶערְט פוּן אַייךְ אַז אוֹיבּ מֶען טוּט אֱמֶת׳דִיג תְּשׁוּבָה וֶועט מֶען זִיכֶער נִישְׁט שְׁטַארְבְּן פַאר דִי צַייט, אוֹיבּ אַזוֹי וְוי קֶען זַיין אַז דֶער חוֹלֶה צוּ וֶועם מִיר פָארְן יֶעצְט וֶועלְכֶער הָאט דָאךְ תְּשׁוּבָה גֶעטוּן אוּן עֶר אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וְוי קֶען זַיין עֶר זָאל שְׁטַארְבְּן פַאר דִי צַייט?״ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״עֶס אִיז טַאקֶע וָואר דָאס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט, אַז אוֹיבּ מֶען טוּט אֱמֶת׳דִיג תְּשׁוּבָה וֶועט מֶען נִישְׁט שְׁטַארְבְּן פַאר דִי צַייט אוּן עֶס אִיז אוֹיךְ וָואר אַז דֶער אִיד הָאט אֱמֶת׳דִיג תְּשׁוּבָה גֶעטוּן אוֹיף זַיינֶע עֲבֵירוֹת, אָבֶער עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט מִתְוַדֶּה גֶעוֶוען פַארְן אֱמֶת׳עֶר צַדִּיק, דֶערִיבֶּער קֶען עֶר נִישְׁט וֶוערְן אוֹיסְגֶעהֵיילְט, אוּן דֶערְפַאר פַאר אִיךְ צוּ אִים כְּדֵי עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען מִתְוַדֶּה זַיין פַאר מִיר, אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין פַאר מִיר וֶועט עֶר גְלַייךְ אוֹיסְגֶעהֵיילְט וֶוערְן, אוּן אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ נִישְׁט וֶועלְן מִתְוַדֶּה זַיין - וֶועט עֶר וֶוערְן נָאךְ מֶער קְרַאנְק אוּן עֶר וֶועט אָנְהוֹיבְּן שְׁרַייעֶן ׳גֶעוַואלְד, וַויי וַויי׳ - פוּן גְרוֹיס וֵוייטָאג, בִּיז עֶר וֶועט שְׁטַארְבְּן, אוֹיבְן אִין הִימְל רֶעכְנְט מֶען אִים נִישְׁט דִי עֲבֵירוֹת וַוייל עֶר הָאט שׁוֹין תְּשׁוּבָה גֶעטוּן, אוּן אוֹיךְ נָאכְן שְׁטַארְבְּן וֶועלְן דִי קְלִיפּוֹת אוּן דִי חִיצוֹנִים נִישְׁט הָאבְּן קֵיין שׁוּם כֹּחַ אוֹיף אִים וַוייל עֶר הָאט שׁוֹין תְּשׁוּבָה גֶעטוּן, אָבֶער וְוי לַאנְג עֶר לֶעבְּט נָאךְ וֶועלְן דִי חִיצוֹנִים זִיךְ נוֹקֵם זַיין אִין

אִים", און אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז גֶעקוּמֶען און אִים גֶעזָאגְט בָּזֶה הַלָּשׁוֹן: "זָאג מִיר דַיינֶע עֲבֵירוֹת וָואס דוּ וֵוייסְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט און אוֹיךְ אִיךְ וֵוייס", דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט דָאס אִיבֶּערְגֶעזָאגְט דְרֵיי מָאל, אָבֶער דֶער אִיד הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט, עֶר הָאט זִיךְ גֶעשֶׁעמְט, און עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן: "אוֹי וֵויי, אוֹי וֵויי" - אוֹיף זַיינֶע וֵוייטָאג וַוייל זַיינֶע גְלִידֶער הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן זִיךְ צֶעבְּרֶעכְן בִּיז עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן.

נָאכְן דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה הָאט דֶער רֶבִּי מְגַלֶּה גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ד), וואוּ דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אַז דוּרְךְ וִדּוּי דְבָרִים פַאְרן צַדִּיק גֵייעֶן אַרוֹיס אַלֶע שְׁלֶעכְטְס פוּן דִי בֵּיינֶער.

אַזוֹי אוֹיךְ זָאג אִיךְ דִיר, זוּךְ אַ צַדִּיק און דֶערְצֵייל אִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט, וָואס דוּ וֵוייסְט און וָואס עֶר וֵוייסְט; אַ שָׁאד דוּ זָאלְסְט שְׁלֶעפְּן דֶעם שְׁוֶוערְן פֶּעקְל פוּן דַיין עָבַר און אַיינְגֵיין אִין דִיר מִיט דַיינֶע פְּחָדִים וְכוּ', אַז בַּאלְד וֶועט מֶען זִיךְ דֶערְוִויסְן וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן און דוּ וֶועסְט וֶוערְן אוֹיס שֵׁיינֶער אִיד. אַ שֵׁיינֶער אִיד בִּיסְטוּ סַיי וִוי וַוייל דוּ הָאסְט שׁוֹין תְּשׁוּבָה גֶעטוּן, דָאךְ דַארְף מֶען דָאס אַרוֹיסְגֶעבְּן פַאְרן צַדִּיק אַז עֶס זָאל אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי בֵּיינֶער, דֶער צַדִּיק קֶען דִיר הֶעלְפְן, דִיר וַוייזְן אַ וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְן אַ גוּטֶע לֶעבְן.

גֶעבּ אַ קוּק, דִי אִידְן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען טָמֵא און נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קֶענֶען מִיט הַאלְטְן מִיט אַלֶע אִידְן צוּ בְּרֶענְגֶען דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אָפְּגֶעזוּנְדֶערְט, אַיינְגֶעשְׁפַּארְט. שְׁטֶעל זִיךְ פָאר דִי שִׂמְחָה וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּיי גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אַלֶע אִידְן קוּמֶען צוּם מִשְׁכָּן, אַלֶע זִינְגֶען דֶעם הַלֵּל, אַלֶע וֶוערְן צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי גְרֶעסְטֶע דְבֵיקוּת, און פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זִיצְן אַפָּאר אִידְן וָואס קֶענֶען נִישְׁט מִיט הַאלְטְן, און וִוי אַזוֹי הָאבְּן זֵיי זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קֶענֶען בַּאקוּמֶען אַ פֶּסַח שֵׁנִי? נָאר וַוייל זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען צוּם צַדִּיק, זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ און גֶערֶעדְט אָפְן, זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט וִידּוּי דְבָרִים (בַּמִּדְבָּר ט, ז): "אֲנַחְנוּ טְמֵאִים", מִיר זֶענֶען טָמֵא; עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען גְרִינְג צוּ דֶערְצֵיילְן פַאר מֹשֶׁה רַבֵּנוּ וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף זֵיי, מִיט דֶעם אַלֶעם הָאבְּן זֵיי גֶעלֵייגְט אַלֶעס אִין דֶער זַייט און

גֶערֶעדְט אָפֶענֶע דִיבּוּרִים, זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ דֶער צַדִיק הַדוֹר זָאל זֵיי הֶעלְפְן, אוּן זֵיי הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ פֶּסַח שֵׁנִי.

אַזוֹי אוֹיךְ בְּכָל דוֹר וְדוֹר גֶעפִינְט זִיךְ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, "אִתְפַּשְׁטוּתָא דְמֹשֶׁה בְּכָל דָרָא וְדָרָא" (תִּיקוּנֵי זוֹהַר תִּיקוּן סט, דַף קיד.), אוּן נָאךְ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (בְּרֵאשִׁית רַבָּה נו, ז): "אֵין דוֹר שֶׁאֵין בּוֹ כְּמֹשֶׁה", אוּן וְוִי אַלֶע צַדִיקִים, עַיֵין שָׁם; עֶס זֶענֶען דָא רַבָּנִים, דַיָנִים, עֶרְלִיכֶע אִידְן - וָואס זֶענֶען מַשְׁפִּיעַ פַאְרן דוֹר אֱמוּנָה אוּן קְדוּשָׁה, אוּן אַז מֶען וֵוייסְט בַּיי זִיךְ אַז מֶען אִיז 'טָמֵא לְנֶפֶשׁ', מֶען הָאט גֶעטוּן עֲבֵירוֹת, מֶען הָאט זִיךְ מְטַמֵּא גֶעוֶוען הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז מֶען הָאט אַנְדֶערֶע מְטַמֵּא גֶעוֶוען רַחֲמָנָא לִצְלָן, אָדֶער וְכוּ' וְכוּ' - דַארְף מֶען גֵיין צוּ זֵיי, נֶעמֶען חִיזוּק, עֵצוֹת וְהַדְרָכָה, וְוִי אַזוֹי וַוייטֶער צוּ גֵיין אִין לֶעבְּן, וְוִי אַזוֹי זִיךְ וַוייטֶער אַן עֵצָה גֶעבְּן, אַלֵיינְס קֶען מֶען נִישְׁט, אַלֵיינְס קֶען מֶען זִיךְ דֶערְטְרִינְקֶען, אַזוֹי וְוִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ מִלִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים צה, י): "וְהֵם, לֹא יָדְעוּ דְרָכָי", 'וְהֵם' פוּן זִיצְן אִין דֶערְ'הֵיים' - 'לֹא יָדְעוּ דְרָכָי', קֶען מֶען נִישְׁט וִויסְן וְוִי אַזוֹי צוּ גֵיין אוּן וְוִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, מֶען מוּז גֵיין צוּ דִי צַדִיקִים, זֵיי זוּכְן אוּן זֵיי בֶּעטְן זֵיי זָאלְן אוּנְז וַוייזְן דִי וֶועג וְוִי אַזוֹי אַלֶעס צוּ פַארְרֶעכְטְן.

זַיי נִישְׁט פַארְשֶׁעמְט אַז אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר, אִיךְ הַאלְט זִיךְ שׁוֹין אַיין אַ לַאנְגֶע צַייט, אִיךְ זֶע וְוִי דוּ גֵייסְט אַיין, אִיךְ טְרַאכְט 'אַ שָׁאד פַאר דִיר אַז דוּ זָאלְסְט זִיךְ אַזוֹי מוּטְשֶׁען מִיט דִי בְּרֶעכֶענִישׁ וְכוּ'".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# זכות הפצה

**זכות בספר הקדוש הזה**

**נתנדב על ידי**

**מוה"ר דניאל גאלדשטיין הי"ו**

**וזוגתו חיקה תחי'**

הקדוש ברוך הוא ימלא כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי עליון בבני, חיי, ומזוני רוויחא

וזכות רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים, יגן
וימליץ בעדם תמיד, אמן כן יהי רצון

# מהדורת קויפמאן

## הספר הקדוש הזה
## נתנדב לזכות

מוה"ר **אברהם שמעון קויפמאן** הי"ו

וזוגתו **חי' ברכה** תחי'

ובנם

**שמחה ישראל**

הקדוש ברוך הוא ימלא כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי עליון בבני, חיי, ומזוני רוויחא

וזכות רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים, יגן
וימליץ בעדם תמיד, אמן כן יהי רצון